שנה ה'
פרשת בה"ב
תשפ"ה
נומער 265

# קרית ברסלב בלאטל

האסט מיר צוגומען
בריוו צו די רעדאקציע

פארקראכטע נעפל
שפיגל

ס'נישט מיינע קינדער
קוק אהער

הערליכע בילדער
קאלעקציע פונעם
באזוך בארץ הקודש
געשעענישן







היסטארישער מעמד פסח שני

## מירן לעבן

להחזקת מוסדות
היכל הקודש
בארץ ישראל

## חזק חזק ונתחזק!

מַאכְטְס אַ גוּטֶע קוּגְל לְכָבוֹד דֶעם שַׁבָּת מְבָרְכִים חֲזַק חֲזַק; אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען גַאנְץ סֵפֶר וַיִּקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם

עצתו אמונה
בחוקותי תשע"ט

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת בה"ב תשפ"ה • 266


**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
נפתלי הירצקא וואללנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

דעדליין ארייננצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


קרעדיט קארטלעך 8




6 ל"ג בעומר אין שטעטל



ציפעדיגע חומוס 31



10 שפיגל
12 מעשיות פון תפילה
16 געדאנקען
46 געשעענישן



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידיש שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
בה"ב כ"ו אייר

הדלקת הנרות . 08:01
מוצאי שבת ..... 09:33

**מנחה מעריב**
**פרשת במדבר 9:15**












# רבי, מיר קומען!



## פרייליכע מעלדונג:

מ׳קען שוין מאכן פעימענטס פאר די נסיעה קיין **אומאן ראש השנה!** רופט שוין און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע וועג לויט אייער באקוועמליכקייט און בודשעט.

*אייער פריינט אין קבלה - משולם פינטער*

**נסיעה**
טרעוועל

**845.444.TRVL**
8785

TICKETS | TRIPS | TRAVEL ITINERARIES | VACATION PACKAGES | CAR RENTALS | HOTELS

*sruliHeskel

## האסט מיר צונומען

אמע"כ די חשוב'ע מערכת פונעם הערליכן 'קרית ברסלב' בלעטל.

איך שרייב אייך א בריוו - מעומק לבי - צו אייער שרייבער מוה"ר ישראל דוד העסקעל הי"ו.

טייערע ר' ישראל דוד! האסט מיר צונומען! אבער נישט סתם, נאר צושטיקלט אויף פיץ פיצלעך.. איך האב אויסגעהערט מיט שפאנונג דיין גאנצער קרעמל אינטערוויו אויף קול ברסלב האטליין,ביידע חלקים.

וואס זאל איך דיר זאגן? האסט מיך גענומען אויף א רייד. אבער נישט סתם א רייד, נאר אויף גאר א הויכע שרעקעדיגע געדרייטע סייקלהאום רייד.

האסט מיך אריינגעזעצט אינעם רייד זיך מיט'ן אנהייבן שילדערן דיינע בליענדע קינדער יארן, און געפארן שטאפל נאך שטאפל אין די ווענט פון תלמיד תורה, דיינע מלמדים און מחנכים וואס האבן דיר יא און נישט פארשטאנען, און אזוי ווייטער ווען דו ביסט אריין אין ישיבה - אינעם שלאכט זאנע (war zone), מיט וועלכע מגידי שיעורים דו ביסט זיך דורכגעקומען כאטש 'למחצה לשליש ולרביע', און מיט וועלכע מגידי שיעורים עס איז געווען א טאטאלער 'לא שמענו'!

עס לאזט זיך נישט זאגן מיינע הרגשים בשעת'ן הערן דיין שמועס. איך האב עס מיטגעלעבט, מיטגעשפירט אויף יעדן טריט און שריט, זודיגע טרערן האבן זיך דערקייקלט פון מיינע אויגן פון גרויס מיטלייד, פארשטייענדיג מיט אן אמת וואס א דורכשניטליך קינד גייט אלץ אריבער אין די 'סיסטעם' פון אונזערע חדר ווענט.

קודם צום ערשט, אני הקטן, איך בין איינגעשטעלט אין א תלמיד תורה און כ'פארברענג דורכאויס דעם טאג מיט קינדער.

וויסן זאלסטו ר' ישראל דוד טייערע, אז דיינע ווי שרייענדע דורכמאכענישן בין כותלי התלמיד תורה האט ווי געמאנט פון מיר זיך מער אריינצולייגן אינעם נושא, און זיין עומד על המשמר, האבן אן אוזן קושבת, א לב להבין, און בעיקר א פנים שוחקת, צו אזעלכע קינדער וואס שפירן אז זייער גאנצע קומען אין חדר איז: מלחמה צו האלטן, צו ליידן, צו זיין א ציל-ברעט פון זייער אומ-אויסגעשלאפענע רבי, וואס געוויסע טייערע קינדער זענען נעבעך א וויטאגליכע קאנסעקווענץ פון דעם רבי'נס דריקענדע חובות און הויכע חתונה מאכן קאסטן.

בזכותך טייערע ר' ישראל דוד האב איך זיך מער אריינגעלייגט אינעם ענין, מודיע צו זיין פאר די קליינע אומשולדיגע שעפעלעך, אז ניין! מיין טייער קינד, אבסוליט נישט! דו ביסט דא פאר גאנץ אן אנדערע סיבה, דו ביסט דא צו שטייגן, זיך צו בויען, מיר פארשטייען דיינע ווייטאגן און מיר אנערקענען דיינע געפילן, און מיר פרובירן דאס בעסטע וואס נאר שייך דיר גרינגער צו מאכן און צו לינדערן דיינע פיינפולע עמאציאנאלע מחשבות וועלכע זשומענען מיט אייפער אין דיין אומשולדיג קעפעלע..

אבער ר' ישראל דוד, על אף דאס האט מיר טאקע צושטיקלט אויף שטיקלעך, פארט בין איך פיל מער צונומען געווארן, בעסער געזאגט: צוברעקלט געווארן, הערנדיג דיין שילדערונג, שוין אלץ סוקסעפולער הויכ-קלאסישע ארבעט'ס יונגערמאן אין לאנדאן, זייענדיג אן איש מוצלח ומסודר, מיט אן אייגענעם קאר, אן אייגענעם מיינונג, נעמענדיג א טייל אין א געלונגענעם הויכגעשפיצטן קרעמל קרו, פארברענגנדיג אין זייער געזעלשאפט מיט לוסט און אנטוזיאזם מחצות הלילה עד עלות השחר אויפ'ן חשבון פון דיין משפחה.

כאטש אויסערליך איז דיין רושם אויפ'ן גאס געווען ווי א שטארקער און פעסטער מענטש מיט אן אייגן מיינונג, פונדעסטוועגן איז דיין הארץ געווען שבור לרסיסים, זעענדיג ווי דער צייט גייט אריבער מיט ליידיגקייט

אן קיין טראפ אמת'ע רוחניות'דיגע תוכן. יא מ'איז זיך צוזאמגעקומען יעדע נאכט פאר א גמרא שיעור, האסט אפילו געהאט אן 'עיון' שיעור מיט א חשוב'ער מגיד שיעור פאר כמעט 3 וואכן, אבער יא, דאס איז עס, כאשר בא כן יצא, און מער נישט.

דערוויל האט די נשמה געפראסקעט אין די געוויסן, און נישט געהאט קיין טראפ מנוחה בעטנדיג זיך בתחנונים אז מ'זאל איר אנטרינקען מיט אביסל תכלית, מיט אביסל אמת, און אביסל נצחיות!

ביז דער אייבערשטער האט צוגעהערט דיין געבעט, און דו ביסט נתקרב געווארן צום אמת'ן גליקליכן לעבן, דורכ'ן זיך אינטערוואורפן אינטער'ן צדיק, צו קענען טשילן מיט'ן אייבערשטן, טשילן מיט די תורה הק', און פשוט ענדזשויען יעדן אטעם אינעם אייבערשטנ'ס וועלט.

ר' ישראל דוד, איך בין אזוי צעטרייסלט געווארן דערפון, אזש ביז מיין דכדוכה..

איך בין שוין מיט א צען-צוועלעף יאר עלטער פון אייך, שוין אפילו חתונה געמאכט קינדער ב"ה, מיין רושם וואס איך מאך אויף די גאס איז גאר אנדערש פון די רושם וואס איר האט דאן געמאכט, מיין סטאטוס אויף די גאס איז: אן איידעלער וואוילער איד, אן ערנסטער כלי קודש, אן ערפארענער מחנך, ארויפגעקוקט ביי מיינע ארומיגע ב"ה (כ'הייס אפילו א שיינער בעל תפלה, לייזנדיג דערפון א שיינע פאר טאלער אין די טעג פון ימים נוראים).

פרנסה איז ב"ה מסודר, אָן קיין חובות (דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער), אן אייגענעם דירה, מיט אפילו א טענענטל צו דער זייט וואס העלפט דעקן די מארטגעדש.

איך דאוון יעדן אנדערפרי' אין מיין מנין קבוע, איך גיי אפילו יעדע נאכט צו א גמרא שיעור, טאקע טאקע...

אבער פארט, אין מיין תוך תוכיות, אין מיין פנימי שבפנימיות, דארט וואו דער אמת געפונט זיך, בין איך צופליקט, צוריסן, צוברעקלט, צושטויסן, צוזעצט, צוהאקט, ממש ווי א זעקל גראונד וואלנאטס, זיך פרעגנדיג אומאויפהערליך די נאגענדע פראגע: "וואס וועט זיין דער תכלית מיט דיר?" כ'מיין צו פרעגן וואס וועט זיין דער תכלית מיט 'דיר' זעלבסט, נישט מיט דיין גוטע נאמען, נישט מיט דיין סטאטוס, דאס איז אלעס א שיינע פעקעדזשינג און א שיינע רעפינג ארום דעם 'דיר', אבער דעם 'דיר' זעלבסט שטייט - שוין איבער 40 יאר - אזוי אומבאהאלפן, אזוי פארלוירן, אזוי אום-סטאביל, און לעכצט צו ווערן אנגעטרינקען מיט אביסל מים חיים, מים נצחי, (ווי מ'רופט עס ביי אייך: אונגארישע וויין) וואס וועט ווירקליך בארואיגן איר ענדלאזער צמאון, און וועט איר געבן אמת'ע סיפוק און שמחת החיים!

אבער ר' ישראל דוד, אייער פרייליכע ענדע - וויאזוי איר האט זיך צום סוף געגומען אין די הענט אריין, און - קעגן דעם שטראם פון אייער ארומיגע - דורך קליינע בעיבי סטעפס - זיך צוביסלעך מער און מער דערנענטערט צום אמת, צום לעבן וואס מאכט באמת גליקליך און פרייליך, ביז איר זענט אנגעקומען ענטגילטיג צום לעכטיגן אונגארישן וויין קעלער!

דאס אלעס האט אין מיר אריינגעבלאזן עמערס פון אקסידזשען און ענערדזשי, אז יא, איך וועל נאך אויך אמאל זוכה זיין צו פארזוכן דעם טעם פון: להתענג על ה'! שפירן א טעם אינעם עצם ידיעה אז איך בין א אידיש קינד וואס גיסט זיך יעדן טאג אפ נעגל וואסער ביים בעט! א טעם אין א דף גמרא (אפגעזען צו כ'פארשטיי צו נישט) א טעם אין א א פרק משניות, א טעם אין מעביר סדרה זיין (יעדן טאג אביסל)! א טעם אין זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן! יא, אין 'מיינע' יארן, אין 'מיין' סביבה וואו איך געפון זיך.

ווארטס נאר ווארטס... נצחתי ואנצח!!! און אלעס בזכותך טייערע ר' ישראל דוד! ישר כחך וחילך לאורייתא להגדל תורה ולהאדירה מתוך רוב עושר ואושר ונחת רוח מכל יוצ"ח היקרים!

**ווי עס שרייבט אייך בלב מלא רגש הק' י. י. - בארא פארק**

# היכל הקודש נייעס




ארץ ישראל

## נסיעות חיזוק בארץ ישראל לאזט איבער געוואלדיגער רושם.

גאר א דערהויבענע נסיעת חיזוק איז אדורך אין ארץ ישראל, מיטן באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט באזוכט פאר א קארגע וואך און ארומגעפארן מחזק זיין אנשי שלומינו אין אפאר שטעט. מיר וועלן פרובירן מיטן אייבערשטנ'ס הילף אראפצולייגן די נסיעה לויט א סדר פון ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען ביזן אהיימגיין.

ביים אנקומען אין ארץ ישראל מאנטאג אמור איז דער ראש ישיבה גלייך געפארן צו ירושלים ווי עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכע מעמד פסח שני צוזאמען מיט אנשי שלומינו פון גאנץ ארץ ישראל, אנשים נשים וטף.

אויפן וועג האט דער ראש ישיבה זיך אפגעשטעלט אין הר המנוחות, ביים קבר פון זיין זיידן הרב יצחק דוד פריעדמאן זצ"ל, אזוי אויך ביים חיד"א זי"ע וואס ליגט דארט.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעפארן צום זאל, ווי עס האט אפגעווארט א ריזן ציבור, און אלע האבן זיך געפריידט צו טרעפן דעם ראש ישיבה שליט"א נאכן זיך נישט זען פאר א לאנגע צייט. מען האט געהאט די געלעגנהייט צו געבן שלום עליכם פארן ראש ישיבה און פרעגן שאלות וואס מען האט געהאט.

דער יושב ראש פונעם מעמד איז געווען דער גבאי צדקה פון מוסדות היכל הקודש בארץ ישראל מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו, ער האט אויסגערופן דעם מנהל המוסדות מו"ה יצחק פאפנהיים הי"ו זאל זאגן אפאר ווערטער, דערנאך האט מען געפרעגט שאלות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז געענטפערט געווארן בטוב טעם ודעת דורכן ראש ישיבה. מען קען עס הערן אויף קול ברסלב.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פייערדיגע דיבורים איבער פסח שני, אז יעדער איד האט נאך א שאנס צוריק צו קומען צום אייבערשטן און ווערן א ערליכער איד, אויך האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט זיינע הרגשים וויאזוי עס בויעט זיך אזוי שיין היכל הקודש מוסדות אין ארץ ישראל, און עס קומען שוין ארויס חתנים און כלות, וואס לערנען אין די הייליגע מוסדות, און ווערן ריכטיג צוגעגרייט וואס די לעבן איז.

די מעמד וועט זיכער בלייבן איינגעקריצט ביי אלע וואס האבן דאס מיטגעהאלטן.

דינסטאג אינדערפרי איז דער ראש ישיבה צוגעפארן צו היכל הקודש בני ברק, אויפן וועג האט מען זיך

אפגעשטעלט ביים ציון פון דעם הייליגן חזון איש זי"ע אזוי אויך הגאון ר' חיים קנייבסקי זי"ע, ביי ר' חיים האט דער ראש ישיבה איבערגעגעבן א שליחות פון א בחור וואס ר' חיים האט צוגעזאגט א שידוך אויב ער וועט ענדיגן ש"ס, און יעצט האט דער בחור זוכה געווען צו מסיים זיין ש"ס.

פון דארט איז מען געגאנגען דאווענען שחרית אין היכל הקודש בני ברק, צוזאמען מיט אנשי שלומינו, און אזוי אויך די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק.

נאכן דאווענען האט מען פארגעלערנט דעם דף גמרא, דערנאך האט מען ארומגערעדט דברי חיזוק צו לערנען דעם דף גמרא, און אזוי אויך האט מען ארויפגערופן אלע וואס האבן געהאט סיומים.

דערנאך איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן די תלמוד תורה, ווי דער ראש ישיבה האט זיך אפגעגעבן מיט יעדן קינד באזונדער. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א באזוך אין מיידל שולע, און דארט האט מען אויפגענומען מרת לעווי, אשת מו"ה יואל לעווי הי"ו צו זיין די מנהלת פון די שולע.

שפעטער איז מען אריבער צום שטוב פונעם גבאי בית המדרש און מחבר פון קונטרס אשית עצות בנפשי מו"ה יואל לעווי הי"ו ווי עס איז געווען צוגעגרייט א געשמאקן פת שחרית.

נאכן לאנגן טאג איז מען ארויסגעפארן קיין מירון צוזאמען מיט די חשובע ישיבה בחורים פון היכל הקודש ירושלים, צו זיין מיט זיי פאר אפאר טעג ביז ל"ג בעומר. אויפן וועג האט מען זיך אפגעשטעלט פארברענגן צוזאמען, אינטער שאטן פון די ביימער בוים, ווי דער ראש ישיבה האט פארברענגט מיט די בחורים און הנאה געהאט צו הערן פון יעדן בחור וואס ער האט צו זאגן.

מיטוואך אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט מיט די בחורים און דערנאך פארגעלערנט דעם דף גמרא. שפעטער האט מען זיך גענומען צו די עבודה פון צוגרייטן עסן פאר די טויזנטער אידן וואס קומען אויף ל"ג בעומר צו רבי שמעון. אלע בחורים האבן ארויסגעהאלפן, שיילן, קאכן, צוגרייטן וואס עס פעלט נאר אויס.

ל"ג בעומר איז אריבער גאר דערהויבן, די טענץ זענען געווען גאר פרייליך, בפרט פאר די וואס זענען זוכה צו לערנען במשך דעם יאר זוהר און תיקונים, איז דאס גאר אנדערע טענץ.

שבת האט דער ראש ישיבה געוויילט אין מירון ביי זיין טאטן שליט"א אין קארלסבורג.

מוצאי שבת איז דער ראש ישיבה אריבער קיין יבנאל, זיך אויסבעטן ביים הייליגן ציון פון אונזער רבי מוהרא"ש זי"ע, דערנאך איז דער ראש ישיבה אריבער צום בית המדרש פון הרב רבי יצחק לעזער שליט"א ווי עס איז פארגעקומען די שמחת השבע ברכות פון בן הרב רבי אליעזר איידעלשטיין שליט"א ראש ישיבה אין יבנאל.

זונטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט מיט אנשי שלומינו ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טברי', נאכן דאווענען האט מען מתפלל געווען אינאיינעם, דער ראש ישיבה האט באקומען א רשימה פון די תומכי המוסדות, און האט יעדן באזונדער אינזין געהאט פאר ישועות ורפואות.

שפעטער איז דער ראש ישיבה אריבער צו די מוסדות אין טבריה און דארט זיך אפגעגעבן מיט די טייערע תלמידים.

9:00 אויפדערנאכט האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור אין היכל הקודש ירושלים, מחזק געווען אנשי שלומינו זיך צו פירן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז א וועג וויאזוי אדורכצוגיין די וועלט בשלום.

מאנטאג האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין היכל הקודש ירושים, און אזוי אויך אריבער צו די ארטיגע מוסדות, ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די קינדער און זיי געזאגט די גרויסקייט פון שמועסן מיטן אייבערשטן, און אים בעטן יעדע קליינינגקייט וואס מען דארף נאר.

עס איז זיכער געווען געוויסע איינצעלהייטן וואס מען האט אויסגעלאזט, אבער דאס איז מער בכלליות וואס איז אלץ פארגעקומען במשך די וואך צייט וואס דער ראש ישיבה האט געוויילט אין ארץ ישראל.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com




## די קאמפליצירטע קרעדיט קארד ציפערן

### שאלה

**ווען איך באצאל עפעס אנליין, און איך לייג אריין מיין דעביט אדער קרעדיט קארד, אויב איך האב געמאכט א טעות און געלייגט א נישט ריכטיגע נומער, ווייסט עס די וועבסייט תיכף אויפן פלאץ אפילו אן פרובירן. וויאזוי ווייסן זיי גלייך אז די נומער איז נישט ריכטיג?**

### ענטפער

זייער אן אינטערעסאנטע פראגע, און עס איז טאקע ריכטיג, בדרך כלל וועלן וועבסייטס וויסן צי די נומערן פונעם קארטל זענען בכלל ריכטיג אדער נישט נאך איידער זיי פרובירן עס צו טשארדשן. די סיבה דערצו איז אז קרעדיט קארד ציפערן זענען נישט אבי ציפערן אין די וועלט אריין. קאמפיוטערס האבן אריינגעבויט אינעם סיסטעם היינט צו טאג צו קענען אויפכאפן נומערן פון קארטלעך אויב עס קען זיין ריכטיג אדער נישט.

צום ערשט דארף מען שטארק אכטונג געבן פון קרעדיט קארטלעך, א קרעדיט קארטל איז א איינלאדענונג פון א פירמע צום מענטש "ווילסט עפעס קויפן און דו האסט נישט יעצט קיין געלט, זארג דיך נישט, מיר וועלן עס דיר אויסלייגן, און וועסט שוין שפעטער באצאלן".

עס זעט אויס ווי דאס איז א פשוטע גוטסקייט פון די פירמעס; אבער באמת ליגט דא א גרויסע ריזיקע, דער רבי זאגט אז מען דארף זייער אכטונג געבן פון חובות, און עס איז זייער גוט וווּקצושטיין פון קרעדיט קארדס. ב"ה אז מען קען אויך נוצן דעביט קארטלעך איינצוקויפן, און מען מוז נישט האבן קיין קרעדיט קארד בכלל.

וויאזוי ווייסט די קאמפיוטער צי די ציפערן זענען ריכטיג? די ציפערן פונעם קארטל זענען געבויעט אויף קאמפליצירטע חשבונות, און אין די רגע מען לייגט אריין די ציפערן אינעם שורה ווי עס באלאנגט, וועט עס די קאמפיוטער אליינס אויסרעכענען, נאך איידער זיי געבן עס ווייטער צום פירמע, און אזוי ארום אויב איינער האט געמאכט א טעות זאל מען עס תיכף אויפכאפן, און קענען אריינגעבן דעם ריכטיגן ציפער נאך איידער מען פרובירט עס צו טשארדשן און עס קומט צוריק אז עס ארבעט נישט.

די ערשטע זאך וואס דער קאמפיוטער טשעקט איז די "לוהן אלגעריטעם", עס מאכט א לאנגע חשבון וואס איז געוואנדן יעדע ציפער דער וויפילטער ער איז, יעדע ציפער ווערט אראפ גערעכענט 9 אויב עס איז העכער 9, דערנאך רעכנט מען צוזאם די אלע ציפערן, און אויב די סך הכל ענדיגט זיך מיט 0 (צוםביישפיל 90) איז עס מעגליך א ריכטיגע קארטל ציפער, אויב קומט עס אויס סיי וועלכע אנדערע ציפער, שפייט דער קאמפיוטער אויס "אינוועליד קארטל נומער", און ער לאזט עס דיר נישט אריינגעבן

די צווייטע זאך אויף וואס דער קאמפיוטער קוקט איז פשוט די ערשטע עטליכע ציפערן פונעם קארטל. אויב הייבט זיך עס אן מיט 4 איז עס א וויזע, אויב הייבט זיך עס אן מיט 51, 55, 2221, אדער 2720 איז עס א מעסטער קארד, אויב הייבט זיך עס אן מיט 34 אדער 37 איז עס אמעריקען עקספרעס. און אויב איינער לייגט אריין די ערשטע ציפערן עפעס אנדערש, וועט ער תיכף וויסן אז דאס קען נישט זיין א ריכטיגער קארטל ציפער.

די דריטע זאך אויף וואס דער קאמפיוטער האלט אן אויג איז אויף וויפיל ציפערן די קארטל פארמאגט, די באקאנטע פירמעס האבן א באשטימטע צאל ציפערן, און אויב עס הייבט זיך צום ביישפיל אן מיט 4, וואס מיינט אז עס איז א וויזע, און מען לייגט אריין ווייניגער אדער מער פון 16 ציפערן, איז עפעס נישט גוט מיט די ציפערן.

אז א מענטש זעט אז עס גייט אים עפעס נישט, דארף מען זיך נישט זארגן, עס איז דא איין ציפער וואס עס פעלט און אז דו וועסט עס אריינלייגן ריכטיג וועט אלעס פאלן אין פלאץ, די קארטל וועט דורכגיין. ביי אונז איז עס די ציפער איינס, איינס באדייט איך מיט'ן אייבערשטן, אז א מענטש לייגט אריין דעם ציפער ביי יעדע פלאץ, ער זוכט אויף דארט ווי ער איז, וואס וויל דער אייבערשטער דער אחד יחיד ומיוחד פון מיר יעצט, און ער וועט בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים באלייכטן די אויגן, וועט ער זען ווי אלע טויערן וועלן זיך אים עפענען, און ער וועט מצליח זיין אין יעדע זאך.

**אֱמוּנָה חָשׁוּב כִּצְדָקָה.**

# בנין "היכל הקודש" ברסלב באומאן

# אומאן ראש השנה תשפ"ו

## צייטליכע דערמאנונג!

## די דעדליין צו באצאלן אייער בעט אינעם בנין איז דעם ערב ראש חודש סיון, דינסטאג במדבר, ולמספרם May 27.

**עס זענען דא א גרויסער עולם וואס האבן נאכנישט גענומען קיין בעט אין די פארגאנגענע יארן, און זייווארטן אויפ'ן דעדליין אז עס זאל פריי ווערן בעטן און זיי זאלן עס קענען באקומען.**

**זייט נישט קיין צועק לשעבר! אויב איז אייער בעט נישט באצאלט אינגאנצן ביז'ן טאג פונעם דעדליין, וועט אייער בעט געגעבן ווערן פאר א צווייטן.**

**פרייזן: ערשטע שטאק $1,300, צווייטע שטאק $1,200, דריטע שטאק $900, פערטע שטאק $800.**

**באצאלן: מען קען באצאלן ביי ר' מרדכי ראזענבערגער 845-825-3550, און ביי ר' יחזקאל סאמעט 347-452-1936, אין ארץ ישראל ביי ר' יצחק שמואל פרענקל 0548456150, אין ענגלאנד ביי ר' שמחה בלאק 07388582855.**

קרית ברסלב בלעטל · בה"ב תשפ"ה ·

## שפיגל

# פארקראכטע נעפל

עס איז געווען אין א זוניגע טאג אין יאר 1977 למספרם, ווען אן עראפלאן – וואס האט זיך געהויבן פון שיקאגא צו די דעמאלטסדיגע לאס פאלאמאס לופטפעלד וואס געפינט זיך אויף א רעזארט אינזל נעבן שפאניע – פיל מיט רייזענדע און וואקאציאנערן, האט באקומען א מעלדונג אויפ'ן וועג אז א באמבע האט אויפגעריסן אינעם לופטפעלד ווי זיי דארפן צו לאנדן.

אין אנהייב האט אויסגעקוקט ווי עס איז בלויז נייעס אן קיין האפט און אלעס וועט גיין ווייטער אויפן סקעדזואל, אבער ווען זיי האבן געמיינט אז נישט זיי מיינט מען און זיי וועלן ווייטער קענען פארזעצן צו לאנדן אינעם באשטימטע דעסטענאציע, איז אריינגעקומען רעפארטן אז א באמבע סטראשונקע איז געמאכט געווארן צום לופטפעלד און מען האט געשטעלט אלעס אויף לאקדאון. דאס הייסט אז אין יוצא ואין בא קיינער איז נישט ערלויבט צו לאנדן אדער זיך הייבן פונעם לאס פאלאמאס לופטפעלד ביזן קומענדיגן מעלדונג.

ווען דער עראפלאן האט באקומען דעם מעסעדזש אז זיי זענען נישט געלאדענט צו קומען קיין לאס פאלאמאס, האבן זיי זיך געמוזט אויסדרייען און גיין צום נענסטן לופטפעלד, וואס איז געווען נישט מער ווי אייניגע מינוט'ן ווייטער, אויפ'ן דערנעבענדן אינזל טענעריף, און צוזאמען מיט נאך עטליכע עראפלאנען האט זי זיך געזעצט ווארטן מיט די הענט איינגעלייגט. דער פיצילע עירפארט אין טענעריף איז געווארן איבערגעפולט מיט ריזיגע עראפלאנען וואס זי איז קיינמאל נישט געווען געבויעט צו זיין אויסגעשטעלט דערצו, די מאנשפאט פונעם אמעריקאנער עראפלאן האבן נישט געלאזט זייערע רייזענדע אפשטייגן מיטן טענה אז „מען פארט שוין”, ווי אויך צוליב וואס דעם איינציגסטן טערמינאל אינעם פיצילע לופטפעלד איז געווארן איבערגעפולט מיט פאסאנדזשירן.

אין די זעלבע צייט האט נאך אן עראפלאן פון די האלאנדישע לופטלוניע klm וואס האט אויך געדארפט פארן ארגינעיל קיין לאס פאלאמאס זיך געטראפן געשטראנדעט אין טענעריף, דער האלאנדישע פילאט איז געווען היפש מער צוגעלאזן און באפוילן אז מען זאל לאזן זיינע פאסאנדזשירן אפשטייגן אריין אינעם לופטפעלד.

נאך עטליכע שעה ווארטן איז דער אויבדערמאנטן לופטפעלד ווי די פליגערס האבן געדארפט צו לאנדן אינעם ערשטן פלאץ צוריק געעפענט געווארן, ווען מען האט פעסגעשטעלט אז דער באמבע סטראשע איז געווען א וויץ פון אפאר אומ'אחריות'דיגע יוגענטליכע וואס האבן געהאט א חשבון מיט א לאקאלע פאליטיקאנט. די צוויי פילאטן פון די אויבענדערמאנטע פליגער האבן זיך געיאגט זיך צו טרעפן ביי זייערע געוואונטשענע דעסטענאציעס וואס שנעלער.

דער אמעריקאנער פליגער וואס האט געהאט געגנוג ברענשטאף פאר דעם קורצן וועג אריבער קיין לאס פאלאמאס האט זיך געוואלט הייבן וואס שנעלער, אבער דעם גרויסן האלאנדישן פליגער האט באשלאסן יעצט צו אנפילן דעם פליגער מיט ברענשטאף פאר די קומענדיגע רייזעס, און דער אמעריקאנער פליגער וואס האט שוין געוואלט אפרייזן האט זיך געטראפן אז עס איז נישט דא קיין פלאץ פאר אים זיך צו אדורך שטופן ארויס צום ראנוועי, און ער האט געמוזט זיצן און ווארטן אז דער klm פליגער זאל זיך ענדיגן אנפילן.

א שווערע נעפל האט זיך באזעצט אינעם לופטפעלד אנשטאט דעם ביז דאן הערליכע וועטער, וואס האט נאכמער אנגעצויגן די געמיטער, ווען ביידע פילאטן האבן געוואלט זיך שוין זען אינדרויסן און אהיים פון דעם לאנגן אומפאראויס געפלאנטע אפשטעל, נאכדערצו זייענדיג גוט אויפגערעגט אויפן די אויבנדערמאנטע אינגען וואס האבן אפגעטון דעם שפיצל און זיי פארווארפן אין א פיצילן עירפארט און זיי געמאכט ווארטן פאר עטליכע שעה פאר גארנישט און פאר נישט.

אזוי ווען דער klm פליגער האט געענדיגט אנפילן זיין טאנק האט ער זיך גראד ארויסגעלאזט צום איינציגסטן לאנגען ראנוועי פונעם לופטפעלד און געוואלט זיך ארויסלאזן וואס שנעלער, דער אמעריקאנער פליגער איז געווען הארט אונטער אים.

דער האלאנדישע פליגער איז ארויף אויפן ראנוועי און אדורך געפארן דעם גאנצן לענג, און ביים אנקומען צו די אנדערע זייט זיך אויסגעדרייט צוריק מיטן פנים צום ראנוועי און זיך געשטעלט

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

ווארטן אז ער זאל באקומען רשות פונעם קאנטראל טורעם צו קענען זיך הייבן.

דער נעפל האט שוין יעצט פולשטענדיג איינגעהילט דעם לופטפעלד, בלויז מיטן ארויסקוקן פון פענסטער האט מען נישט געקענט זען מער ווי אפאר פיס אויף פאראויס.

אין די זעלבע צייט וואס דער פילאט פונעם האלאנדישער פליגער האט געווארט אומגעדולדיג ביי די זייט פונעם ראנוועי גרייט זיך צו הייבן קריצענדיג מיט די ציין צו באקומען רשות אפצופליען, איז דער אמעריקאנער פליגער נאכגעפארן דעם klm פליגער פון הינטן און איז ארויף אויפן ראנוועי מיטן ציל צו טרעפן פון דארט א זייטיגע וועג צום צוריק צום אנהייב פונעם ראנוועי צו קענען ארויספליען (זעה מאפע).

דער אמעריקאנער פליגער האט געהאט פראבלעמען מיט די קאמוניקאציע ווען זיי האבן נישט אזוי גוט פארשטאנען פונקטליך ווי דער קאנטראל טורעם האט געוואלט זיי זאלן ארויספארן פונעם ראנוועי, זיי האבן פארגעזעצט אויף זייער רייזע פארנ'דיג צושטייטליך אויפן ראנוועי פרובירנדיג אין די נעפל צו טרעפן דעם וועג ארויס.

אבער דאן האט די געדולד פונעם האלאנדישן פילאט זיך אויסגעלאזט, ער האט געלאזט מעלדן פארן קאנטראל טורעם אן באקומען רשות פון פארדעם אז "ער פארט". ער האט אנגעצינדן זיינע מאטארן אויף די העכסטע און אנגעהויבן פארן מיטן פליגער פאראויס אויפן ראנוועי נישט זעענדיגע מער ווי עטליכע פיס וואס טוט זיך אין פארנט פון אים

אביסל אריינציר אויפן ראוועי האט ער באמערקט צווישן די נעפל וואלקענעס אז אין פארנט פון אים פארט זיך געמיטלעך א פליגער פול מיט מענטשן, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט אפצושטעלן זיין מאשין וואס איז געפארן פארויס אויפן העכסטן גראד, ער האט פרובירט זיך צו הייבן דעס מערסטע וואס מעגליך כדאי אויסצומיידן דעם אנדערע פליגער, אין די זעלבע צייט האט דער אמעריקאנער פליגער דערזען דעם חרבן וואס קומט צו פארן אין זיין ריכטונג און פרובירט זיך צו געבן א דריי דאס מערסטע אויף לינקס נישט אריינצוקלאפן אינעם מיסיל וואס קומט צו פליען אין זיין ריכטונג, אבער ס'האט גאר ווייניג געהאלפן.

דער גרויסער האלאנדישער פליגער אנגעפולט מיט ברענשטאף האט שוין זייענדיג אין די לופטן אבער נישט גענוג הויעך האט אריינגעהאקט אינעם אמעריקאנער פליגער, אויפרייסענדיג ביידע פליגער אין א העלישע פייער באל.

עטליכע הונדערט גוים זענען אומגעקומען אויפן ארט, מאכענדיג דאס די גרעסטע אוויאציע טראגעדיע אין היסטאריע ביזן היינטיגן טאג.

ממש געציילטע פון די אונטערשטע אמעריקאנער פליגער האבן עספיעט זיך צו ראטעווען.

אלעס ווייל: דער פילאט האט נישט געהאט קיין געדולד, מען האט אים נישט אויסגעלערט די מידה פון סבלנות, און ווען מען ווארט נישט אויס די ישועה זאל קומען מאכט מען א גרויסע קראך.

און ווען מען בעט פונעם אייבערשטן סיי וואס דארף מען האבן גרויס סבלנות און גלייבן אז דער אייבערשטער וועט דיר געבן וואס דו בעטסט, אן קיין שום ספק איז עס אז דער אייבערשטער הערט אויס יעדע תפילה, און דער אייבערשטער פרייט זיך מיט יעדע ווארט וואס א אידיש קינד רעדט ארויס צו אים, דער פראבלעם איז אז ביי אונז איז אזוי ווי דאן מיט פופציג יאר צוריק אין טענעריף פאראהאן א גרויסע נעפל וואס לאזט נישט זען פאראויס, און מיר זעען נישט אז דער אייבערשטער ווארט מיטן אונז נאכגעבן וואס מיר בעטן, מיטן איינציגסטע ציל אונז צו באשיצן פון וואס געפונט זיך אינעם נעפל.

די וואס ווילן נישט ווארטן און מיינען אז זיי קענען אליינס טון אן בעטן דעם אייבערשטן, ענדיגן מיט א גרויסע קאשמארישע קראך.

און דער וואס וועט ווארטן מיט סבלנות אז דער אייבערשטער זאל אים נאכגעבן - אין אונזער מעשה וואלט דאס געווען ווארטן מיטגעדולד צו באקומען רשות פונעם קאנטראל טורעם צו קענען ארויספליען - האט צום סוף א רואיגע געשמאקע רייזע.





# מעשיות פון תפילה

## יואליש קרויס

ביתר

איך בין געווען אין יבנאל מוצאי שבת אמור, נאכן זיין ביים ציון גיי איך צום קאר און עס צינדט זיך נישט אן, די בעטערי איז געגאנגען שלאפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר הילף, איינער האט פרובירט אבער אן ערפאלג, דערנאך האב איך געבעטן נאך איינעם אבער עס האט אויך גארנישט געהאלפן.

אינמיטן איז איינער אנגעקומען און מיך געגעבן א בוסט, קודם האט עס נישט געארבעט, אבער צום צווייטן מאל האט עס געארבעט ברוך השם.

## יצחק פאפענהיים

ירושלים עיר הקודש

איך האב נישט געהאט קיין טיקעט מיטן באס וואס פירט דעם עולם קיין מירון אויף ל"ג בעומר, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען צו מירון אויף ל"ג בעומר מיט מיין קאר, און זיך קענען פארקן ממש נאנט.

איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה.

למעשה האב איך מיך ארויסגעלאזט אויפן וועג מיט מיין קאר, און אויפן וועג האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל פארן כשורה אן קיין פראבלעמען.

שכח אייבערשטער איך האב געקענט אנקומען מיט מיין קאר זייער נאנט, און געקענט פארקירן דעם קאר אויף א גוטן פלאץ.

שכח אייבערשטער איך האב מיך געקענט גוט אויסבעטן אין מירון פאר זיך און פאר נאך אידן

# Hello Doctor, I have seasonal allergies.

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™

**With Medease, Telehealth is now a reality in our community.**
Speak with one of our experienced providers by phone, describe your symptoms, and get treatment. It's that simple.
**Schedule your same-day appointment today.**

Hello Doctor — 718.208.2030

Covered by Medicaid and most major New York insurances.

Medease
CARE AT HOME

# א פרייליכן ל"ג בעומר



## געפראוועט ל"ג בעומר ברוב פאר

גאר א פרייליכע ל"ג בעומר איז געפראוועט געווארן אין שטעטל צוזאמען מיט אנשי שלומינו אנשים נשים וטף.

אפאר וואכן פאר ל"ג בעומר איז מען שוין געווען פארנומען מיט די הכנות צום גרויסן טאג, די גבאים האבן אנגעהויבן פלאנירן וואו עס וועט זיין די בעסטע פלאץ צו אהערשטעלן דעם הדלקה. מען האט געטראכט עס צו מאכן ביי די ירושלים גאס, וואס דארט איז א גרויסע אויספלאסטערטע פלאץ. אזוי אויך איז געווען אויפן טיש א פלאן צו מאכן די הדלקהביים שטח פון באזאר בנין.

אויך האט מען געהאט א ספק צו מען זאל פראווען די הדלקה דאנערשטאג ביינאכט, אדער גאר פרייטאג אינמיטן טאג ווען עס איז ליכטיג, און אלע קינדער זענען מער אויסגערוהט.

נאכן אנפרעגן דעם ראש ישיבה איבערדעם, האט דער ראש געזאגט אז מען זאל עס מאכן ליל ששי פארנט פון בית המדרש, כדי מען זאל גלייך נאכן הדלקה זיך קענען זיך וואשן צו א סעודה אין בית המדרש.

דאנערשטאג פארנאכטס איז מען זיך טאקע צאמגעקומען ביים חצר הבית המדרש אויף האשקי, ווי עס איז געווארן צוגעגרייט אן הדלקה מיט פרייליכע מוזיק לכבוד דעם גרויסן טאג.

די זכות הדלקה איז געווארן אפגעקויפט דורכן מו"ה יחזקאל שארף שליט"א וואס האט אנגעצינדן דעם הדלקה ברוב עם. דערנאך איז פארגעקומען גאר פרייליכע ריקודין פאר א לענגערע צייט, ווי אלע האבן גאר פרייליך געטאנצן און זיך געפריידט אז מען האט די זכי' צו זיין פון די אויסדערוועלטע אידן וואס גלייבן אין צדיקים מדור דור, און מיר גייען אין זייערע דרכים אן קיין חכמה'לעך.

דערנאך איז געווען צוגעגרייט א ברייטע סעודה פאר אלעמען, צוגעשטעלט דורך די חשובע גבאים, און דורכן קעכער פונעם מוסדות. אויך האבן געטרייע אינגעלייט זיך משתתף געווען מיט די הוצאות פונעם סעודה. ביים סעודה איז געווארן אויפגעשפילט א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז ספעציעל געגעבן געווארן פארן מעמד.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבערן חשיבות פון דעם גרויסן טאג, און אז מען זאל זיך מאכן א שיעור אין תיקוני זוהר, און שבת זאל מען לערנען זוהר הקדוש אויף די סדרה, א זאך וואס אויב מען וויל שטארק איז עס נישט שווער, מען דארף נאר וועלן. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט אז מען זאל האלטן חשוב די צניעות פון די ווייב און דאס נישט אוועקמאכן, ווייל נאכדעם קען מען שוין נישט צוריקדרייען. דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: ווי גוט איז צו גיין אין די וועגן פון די צדיקים און פאלגן אלעס וואס זיי זאגן אונז און שרייבן אונז.

**תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו**






# חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!

## שְׁאֵלָה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער דִי שִׁיעוּרִים פַאר דִי חָשׁוּבֶע פְרוֹיעֶן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי שִׂמְחָה פוּן מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר וַיִקְרָא.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָיר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם דִי וָואךְ. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט מִיר גֶעהֵייסְן.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט מוֹהַרָא"ש צִי קֶען אִיךְ אַרִיבֶּער בְּרֶענְגֶען אַ קֶעמֶערֶע אַז מוֹהַרָא"ש זָאל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אוּן מֶען וֶועט דָאס אוֹיפְשְׁפִּילְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן, הָאט מִיר מוֹהַרָא"ש גֶעזָאגְט: "אַדְרַבָּה, קוּם אַרִיבֶּער אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר וְכוּ'", אוּן מוֹהַרָא"ש זָאגְט מִיר: "אָבֶער אִיךְ וֶועל רֶעדְן אָפֶענֶע דִיבּוּרִים".

מוֹהַרָא"ש הָאט מִיר דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ וֶועל רֶעדְן אָפֶענֶע דִיבּוּרִים"; וַוייל אִין אַלֶע פֶעלֶער וִוי יוּנְגֶעלַייט אוּן וֵוייבְּלֶער גֶטְ'ן זִיךְ זֶענֶען שׁוּלְדִיג דִי חָתָן טִיטְשֶׁערְס אוּן כַּלָה טִיטְשֶׁערְס, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלָה'ס פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע גֶטְ'ן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט.

לְמַעֲשֶׂה אִיז מוֹהַרָא"ש אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל יֶענֶע וָואךְ אוּן אִיז אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁפֶּעטֶער נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע שְׁמוּעֶס וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט מִיר אֵיידֶער עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל. טוּ אִיךְ יֶעצְט וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן מֶען שְׁפִּילְט אוֹיף אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן וואוּ מֶען הֶערְט דִי דִיבּוּרִים פוּן מוֹהַרָא"ש.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ", וֶוען אָדְל דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז זִי גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף רֶבִּי נָתָן, הֵיתָּכֵן עֶר רֶעדְט אַזוֹי: "מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ"; הָאט אִיר רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יָא, מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ, אָבֶער נָאר בִּזְכוּת פוּנֶעם רֶבִּי'ן".

אוּן מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס טִישׁ אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ, אָבֶער אַלֶעס בִּזְכוּת פוּן רֶבִּי'ן", וד"ל.

מַאכְטְס אַ גוּטֶע קוּגְל לְכָבוֹד דֶעם שַׁבָּת מְבָרְכִים חֲזַק חֲזַק; אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ סֵפֶר וַיִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, זָאלְט אִיר אִים מַאכְן אַ קוּגְל לְכָבוֹד דִי סִיוּם.

אַ גוּט שַׁבָּת.

*עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פרשת בחוקותי תשע"ט*

## געדאנקען

# די פייערלעשער קומט נישט יעצט

אזוי גייט עפעס די לעגענדע, אז דער וואס האט ערפינדן די שפיל "שאך" איז געקומען פאר'ן קעניג, דער קעניג איז געווען אנטציקט פון די חכמה פון דעם שפיל, האט ער געפרעגט דעם ערפינדער וואס ער וויל פאר א באלוינונג, האט ער געענטפערט מיט א חכמה, איך וויל איין ווייצל אין דעם ערשטן קעסטל, צוויי ווייצלעך אין די צווייטע, פיר אין די דריטע, אכט אין די פערדע, און אזוי ווייטער.

איז אזוי, דער שאך ברעטל איז דאך אכט מאל אכט, איז לאמיר'זשע זען.

ביי די ערשטע אכט (דאס מיינט ביי די אכטע קעסטל פון די 64 קעסטלעך) האלט מען ביי 128 ווייצלעך, ביי די צווייטע אכט האלט מען ביי 32,000 ווייצלעך. דאס איז צוויי פונט ווייץ...

איין פונט ווייץ איז 16,000 קערנדלעך.

ביי די דריטע אכט האלט מען ביי אכט מיליאן ווייצלעך, ביי די פערדע אכט האלט מען ביי צוויי ביליאן ווייצלעך. דאס איז 125,000 פונט ווייץ!! דאס איז 2,000 "בושל" (BUSHEL) ווייץ, א בושל איז 6 טאלער, האלטן מיר ביי 12,000 טאלער.

ביי די זעקסטע אכט האלטן מיר ביי 140 טריליאן ווייצלעך. אכט ביליאן פונט. 150 מיליאן בושל. איין ביליאן טאלער.

איר הערט גוט! אונזער נישטיגע איין איינציגע גארנישט-ביי-זיך ווייצל האלט ביי א ביליאן טאלער.

ביי די אכטע אכט, ביי די לעצטע קעסטל, די 64'סטע קעסטעלע, האלט מען ביי 9 קווינטיליאן ווייצלעך, 60 ביליאן טאלער.

אלעס פון איין איינציג אומשולדיג ווייצל.

היינט וועל איך זיין פרייליך איין מינוט, מארגן צוויי מינוט, איבערמארגן פיר מינוט.

היינט וועל איך טראכטן פון דעם אייבערשטן איין מינוט, מארגן צוויי מינוט.

טראכט נישט אז א מינוט איז א קליינע זאך, יעדע מינוט קען דיך ברענגען צו א קווינטיליאן גוטע מינוטן. יעדע מינוט וואס דו טוסט גוט וועט דיך שלעפן צו נאך א מינוט פון טון גוט. שכר מצוה מצוה, די שכר פון איין מינוט גוט איז נאך איין מינוט גוט. אז מ'איז פרייליך איין מינוט איז די שכר אז מ'קען זיין פרייליך נאך איין מינוט. וואס קען זיין א בעסערע שכר?

און בכלל, די גאנצע עבודת השם איז געשטעלט דוקא אויף קליינע מינוטקעלעך, ווארט נישט אז די גאנצע טאג זאל גיין געשמירט, כאפ ארויס איין גוטע מינוט אינמיטן די דיזעסטער, כאפ ארויס איין פריילירכע מינוט פאר ס'קומט די גרויסע CRASH וואס דו הערסט נישט אויף צו טראכטן פון.

כאפ ארויס א קליינע תפלה צום אייבערשטן פאר ס'קומט [דיין אויספאנטאזירטע דמיונות'דיגע] DOOMSDAY.



מוהרא"ש פלעגט עס זאגן יעדע יאר צווישן פסח און שבועות, וואס איז די חילוק פון פסח און שבועות?

מיר וועלן נוצן א משל פון מענטשן וואס זענען נעבעך אויפגעוואקסן פריי און ווערן בעלי תשובה, זיי ווערן שומרי תורה ומצוות.

ער באקומט א התעוררות תשובה, ער איז מחליט ער

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

טוישט זיין לעבן, ער מופט אוועק פון די פרייע געגנט, ער גייט צו א ערליכע געגנט, ער גייט אין שול יעדן טאג, ער טוט זיך אן אנדערע מלבושים.

אבער די מעשה איז נאכנישט פארטיג, אז ער האט געמאכט עטליכע שטארקע ענדערונגען אין זיין לעבן מיינט נאכנישט אז ס'איז שוין א זיכערע סוקסעס ביז סוף פרשה, ער דארף נאך אסאך חיזוק אנצוגיין מיט די נייע וועג פון שמירת התורה והמצוות.

די אידן אין מצרים האבן געכאפט הענט אין פיס און ארויס פון די מ"ט שערי טומאה, וואלט מען געקענט האבן א הוה אמינא צו טראכטן אז שוין, מ'קען עס שוין רופן א סוקסעס.

אבער יעצט קומט די ריאליטי PART. יעצט דארפסטו וויסן אז אויב ס'גייט נישט אזוי געשמירט זאלסטו וויסן אז נסיונות איז א חלק פון לעבן, נישט אריינפאלן אין א שאק. אז מ'איז אנגעגרייט איז עס גרינגער.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז עס ווערט אנגערופן "בקי ברצוא" און "בקי בשוב" (רצוא מיינט לויפן פאראויס, שוב איז טייטש פאלן אויף צוריק, "בקי" איז די טייטש "וויסן וואס מען טוט") מען דארף האבן א פלאן אויף ווען אלעס גייט כשורה, משניות, חומש, גמרא, דאווענען לערנען, שלום בית, איך גיי אויפשטיין אום זייגער פלוני, איך גיי לערנען אזויפיל און אזויפיל פרקים משניות, און אזויפיל און אזויפיל דפים גמרא, אלעס קלאפט ווי א שווייצער זייגער. דאס רופט זיך "בקי ברצוא" די מאשין גייט פאראויס מיט'ן גאנצן שטויסקראפט.

דערנאך איז דא די "בקי בשוב" צו וויסן וואס מען טוט ווען מ'איז

> מענטשן וואס זענען נעבער אויפגעוואקסן פריי און ווערן בעלי תשובה, ער גייט אין שול יעדן טאג, ער טוט זיך אן אנדערע מלבושים. אבער די מעשה איז נאכנישט פארטיג.

אויפגעשטאנען שפעט, כ'האב זיך לײדער צובייזערט אין שטוב, כ'האב געקוקט וואס כ'האב נישט געדארפט קוקן, וואס איז יעצט? דערנאך? ניין! איך בין א פארטיגער? ניין.

כ'בין לײדער געווארן פארוואנדלט פון א FULL-THROTTLE-STEAMING-ENGINE צו א SLOW-MOVING-VEHICLE. סאו איך גיי שוין קיינמאל נישט אנקומען צו סוקסעס? ניין!

די טעג פון ספירת העומר לערנען אונז אז נאכ'ן גרויסע שיין און לעכטיגקייט די ערשטע טאג פסח, ווען ס'איז געווען "ובמורא גדול זו גילוי שכינה" און שביעי של פסח ווען ס'איז געווען ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי, פלוצלונג זעט מען זיך נאך פסח אריינגעדייווד NOSE-DOWN אין די פרנסה סומאטאכע, פארזינקען אין נסיונות יעדע רגע.

ווי קען דאס זיין? ס'איז דאך JUST געווען גילוי שכינה?! וואס גייט דא פאר? וואו בין איך? אין גילוי שכינה? אדער אין די טמא'נע גוי'אישע גאס וואו איך ארבעט?!

וואו בין איך? ביים ים סוף מיט משה רבינו און נחשון בן עמינדב? אדער טיף פארזינקען אין מיינע שמירת עיניים פראבלעמען?!

זאגט די תורה אז יעצט ציילט מען ספירה, יעצט זאגט מען יעדן טאג, איך בין איין טאג נענטער צו מקבל זיין די תורה שבועות ביים בארג סיני, איך בין איין מינוט נענטער צו שרייען נעשה ונשמע. אויב דו ווערסט זיך שטארקן צו נעמען די קליינע טריט וואס דו קענסט נעמען אין צייט פון קטנות, וועסטו אנקומען צוריק צו גדלות, דו מוזט עס אבער געבן א טשענס.

מוהרא"ש פלעגט זאגן א משל אויף סבלנות, אפילו ווען מען רופט 911 ביי א פייער חס ושלום, קומען זיי אויך נישט "יעצט". עס נעמט צייט. אלעס נעמט צייט, מען מוז האבן סבלנות און שטעלן די קליינע טריט אפילו ווען עס זעט אויס כאלו ס'רוקט זיך נישט פאראויס. דאס איז ספירת העומר, דערנענטער דיך צום בארג סיני מיט איין קליינע בעיבי STEP.

דיין איין קליינע טריט וועט דיך באלד ברענגען א קווינטיליאן טריט פאראויס.

דיין איין קליינע תפלה וועט דיך מאכן רעדן צום אייבערשטן א קווינטיליאן תפלות.

נ.ב. פאר די וואס דארפן עס וויכטיג וויסן: א מיליאן האט זעקס זיר'אס, א ביליאן האט ניין, א טריליאן האט 12, א קוואדריליאן האט 15, א קווינטיליאן האט 18.



# א מעשה
## פון א צדיק

## אַ בִּלְבּוּל אוֹיפְן צַדִּיק

דֶער טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק פוּן קָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֲלֶכְּסַנְדֶּר סֶענְדֶר פוּן קָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן מַתְמִיד אִין תּוֹרָה, אוּן גֶעוֶוען שְׁטַארְק דָּבוּק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אֵיין טָאג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי סֶנְדֶר'ל פוּן קָאמַארְנָא זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן אוּן גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט אוּהֶעל וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דָארְט דַארְף עֶר נִפְטָר וֶוערְן.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט מִיט דִי גַאנְצֶע חֲסִידִישֶׁע טְרַאגֶע, אָבֶער דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז גֶעוֶוען אַז דִי שְׁטָאט אוּהֶעל אִיז גֶעוֶוען אִין אוּנְגַארִין, וָואס דָארְט אִין יֶענֶער צַייט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֶען אַ חָסִיד אָנְגֶעטוּן מִיט דִי גַאנְצֶע חֲסִידִישֶׁע לְבוּשׁ, לְכָבוֹד דֶעם אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי זֵיי, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן חֵן אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן.

מֶען הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְן רוֹדְפְ'ן, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט זֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט. מֶען הָאט פְּרָאבִּירְט אַלֶע וֶועגְן, אָבֶער עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ אִים פַארְטְרַייבְן פוּן שְׁטָאט.

בִּיז דִי רָאשֵׁי קְהִילָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק אַז מֶען גֵייט זוּכְן אַ פְרוֹי וָואס מֶען גֵייט אִיר בַּאצָאלְן גֶעלְט אַז זִי זָאל גֵיין אִין בֵּית דִּין אוּן זָאגְן עֵדוּת אַז דֶער רֶבִּי סֶנְדֶר'ל טוּט עֲבֵירוֹת מִיט אִיר ח"ו, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אִים גְרִינְג אַרוֹיסְזֶען פוּן שְׁטָאט.

אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי מִיטְן נָאמֶען שָׂרָה דִי בֶּעקֶערִין וָואס זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעבְן אַז זִי אִיז מַסְכִּים צוּ טוּן דֶעם אַקְט. מֶען הָאט אִיר גֶעגֶעבְן אַ גַאנְצֶער זַאק אָנְגֶעפוּלְט מִיט אַסַאךְ גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית דִּין צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע רָאשֵׁי קְהִילָה צוּ פֶעסְטְשְׁטֶעלְן אַז מֶען רֶעדְט דָא פוּן אַ נִידֶערִיגֶער בַּעַל עֲבֵירָה אוּן מֶען דַארְף פַּסְקְ'נֶען אַז עֶר טָאר זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אִין דֶעם שְׁטָאט.

זִי קוּמְט אָן אִין בֵּית דִּין אוּן נֶעמְט אַרוֹיס דִי זַאק אָנְגֶעפוּלְט מִיט גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן זָאגְט "אִיךְ ווִיל מוֹדִיעַ זַיין פַאר בֵּית דִּין אַז דִי רָאשֵׁי קְהִילָה הָאבְּן מִיר דָאס גֶעגֶעבְן כְּדֵי אַרוֹיסְצוּלָאזְן אַ שְׁמוּעָה אוֹיף דֶעם צַדִּיק רֶבִּי סֶנְדֶר'ל פוּן קָאמַארְנָא אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶער אִיךְ ווִיל זָאגְן פַאר בֵּית דִּין אַז עֶס אִיז שֶׁקֶר, עֶר אִיז רֵיין פוּן זִינְד אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ מַסְכִּים גֶעוֶוען דָאס צוּ טוּן אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ אִיךְ טוּ עֶס נִישְׁט וֶועט אֶפְשָׁר קוּמֶען אַ פְרוֹי אוּן יָא זָאגְן דִי פַאלְטְשֶׁע עֵדוּת, אוּן דִי גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גֶעבּ אִיךְ אַ מַתָּנָה פַאר בֵּית דִּין"

דִי דַיָּנִים הָאבְּן גֶעזֶען וָואסְפַארַא פְּרָאסְטֶער חֶבְרָה דִי רָאשֵׁי קְהִילָה זֶענֶען, הָאבְּן זֵיי גֶע'קַנְסְ'עֶט דִי רָאשֵׁי קְהִילָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרָאף אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דָארְט מִיט גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי סֶנְדֶר'ל פוּן קָאמַארְנָא הָאט אוֹיסְגֶעפוּנֶען דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹי: "וָואס קֶען אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן פַארְן מִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בִּלְבּוּל" הָאט זִי גֶעעֶנְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶעס, אֵיין זַאךְ פֶעלְט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אוּן אִיךְ ווִיל נָאךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַ קִינְד אַ צַדִּיק".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי סֶנְדֶר'ל פוּן קָאמַארְנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פוּן הִימְל הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְן צְוֵויי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אֵיינְס הַאס אִיךְ שׁוֹין אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס אִיז מַיין זוּן רֶבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק, אוּן דִי צְוֵוייטֶע גֶעבּ אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר".



אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי אִיר אַ קִינְד, אוּן זִי הָאט אַלְץ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ צַדִּיק, זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אָנְפִילְן אַ כּוֹס מִיט אִירֶע טְרֶערְן מִיט וָואס זִי פְלֶעגְט וַואשְׁן זַיין פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן וַואסֶער.

דֶער זוּן אִיז טַאקֶע אוֹיסְגֶעוַואקְסְן צוּ זַיין הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צְבִי הֶערְשׁ פוּן לִיסְקָא דֶער הֵיילִיגֶער אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי צַדֶּיקֶת שָׂרָה אִיז בַּאגְרָאבְן גֶעוָוארְן אִין אוּהֶעל גְלַייךְ נֶעבְן דִי אוֹהֶל פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה פוּן אוּהֶעל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִתְפַּלֵּל בַּיי אִיר קֶבֶר וֶוערְן דָארְט גֶעהָאלְפְן מִיט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. וַוייל וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ רַאטֶעוֶוען אַ אִיד פוּן וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט בַּאקוּמְט אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין גֶעוָוארְנְט אִין אַ צְוֵוייטֶענְס כָּבוֹד!

**(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק טז' עֶרֶךְ כְּבוֹד הַבְּרִיּוֹת)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קי"ח

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵויילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער. אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶועזן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. נָאךְ פֶּסַח אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים בַּאדִינְט אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג. אִינְמִיטְן וֶועג צוּרִיק הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁטָאט לִינִיץ, אוּן זֶענֶען אַרַיין אִין הוֹיז פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְּדַלְיָ' מִלִּינִיץ זי"ע.**

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר בַּאקַאנְט אוּן מְפוּרְסָם אִין אֵיין לַאנְד, אָבֶּער אִין דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע לַאנְד אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט חָשׁוּב, אוּן וִוידֶער אִין אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד אִיז עֶר יָא בַּאקַאנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קל"ב).

זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים.

פַאר שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף רֶבִּי נָתָן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶער לָשׁוֹן פוּן חֲזַ"ל (יוּמָא פ"ה:) אַז סְ'אִיז עֶנְדֶערְשׁ מְחַלֵל צוּ זַיין אֵיין שַׁבָּת, אַז דוּרְךְ דֶעם זָאל מֶען קֶענֶען הַאלְטְן אַסַאךְ שַׁבָּתִים; זָאגְנְדִיג מִיט דֶעם אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ יֶעצְט צוּרִיק אַהֵיימְפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב אוּן נִישְׁט זַיין אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז טַאקֶע אַהֵיימְגֶעפָארְן.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַסַאךְ אִידְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיף דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (חֲגִיגָה י"ד:) "אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא, כְּשֶׁאַתֶּם מַגִּיעִים לְאַבְנֵי שַׁיִשׁ טָהוֹר" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"א). מִיטְל נַאכְט יוֹם טוֹב הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ"ב, ח') "אֲנִי ה', הוּא שְׁמִי" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"א).

זוּנְטָאג, ח' סִיוָן, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶע'חַזְר'ט פַאר אִים דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה אוֹיף "אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט אַז זַיין פֶּעטֶער, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע גֶעפוּנְט זִיךְ אִין טוּלְטְשִׁין, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן וַוייל עֶר וִויל פָארְן צוּ אִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט מִיטְפָארְן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אַז עֶר וִויל זֵייעֶר מִיטְגֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "פַארְשְׁטֵייסְט, סְ'שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן, וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט מִיר אָנְקוּקְן", [וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס עֶר וֶועט דָארְט הָאבְּן מִיט זַיין פֶּעטֶער, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל דָאס זֶען אוּן בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַעַת]. רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט עֲקְשְׁנְ'עֶן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן אַלֵיין. [רֶבִּי נָתָן הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן דֶעמָאלְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן צוּ זַיין פֶּעטֶער, וַוייל עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן סְ'וָואלְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין גוּטְס דֶערְפוּן].

אִין יֶענֶע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין פֶּעטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיי ר' יוּדְל, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן בַּיי אִים זֶענֶען גֶעוֶוען כְּתָבִים, אָפְּגֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ פוּן אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת קדושים, כ"ט ניסן, י"ד לעומר, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

די ישיבה האט זיך צוריק אנגעהויבן מיט א פרישקייט, און איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער געבט מיר די זכיה צו זיצן נאך א זמן מיט בחורים, לערנען מיט זיי תורה און לערנען מיט זיי די חיזוק פון הייליגן רבי'ן, און איך בעט דעם אייבערשטן ער זאל מיר געבן כח ממשיך צו זיין מיט דעם מיין גאנץ לעבן.

זיי עוסק אין הפצה, מיט דעם וועסטו פארריכטן אלע פגמים. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות אות ניאוף, סימן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווער עס וויל פאררעכטן זיינע עבירות זאל צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן; זאלסטו יעדן טאג עוסק זיין אין די הייליגע עבודה פון הפצה, ווייל עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי הפצה.

דער הייליגער זוהר זאגט (תרומה קכח:) "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קום און זע: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון די וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכטס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.

מתן שכרה בצדה, די וואס זענען עוסק אין הפצה האבן גרויס שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

הר"ר יואליש קרויס שליט"א פון ביתר עילית פארציילט:

איין טאג בשעת איך האב זיך געפונען אין מיין פלעי גרופ, האב איך באמערקט אויף איינע פון די קליינע בענקלעך, קליינע לעכער, עס האט מיר געכאפט די אויג, דאס האט נישט אויסגעזען ווי א קינד האט דאס געמאכט, עס האט אויסגעזען עפעס אנדערש, איך האב געקוקט בעסער, און - צו מיין גרויס וואונדער - האב איך געזען ווי אויך די אנדערע בענקלעך האבן אזעלכע מאדנע היילן - לעכער - און נעבן די לעכער האט מען געזען פיצעלע האלצערנע שטויב, קוקנדיג מער, האב איך באמערקט אז אויך דער האלצערנע שאפע וואס דינט די פלעי גרופ איז אויך צעלעכערט.

איך האב זיך זייער געוואונדערט, וואס מיינט דאס? ווער צעלעכערט מיר מיינע מעבל? איך און מיין ווייב האבן זיך אנגעהויבן נאכפרעגן דערויף ביי שכנים, באקאנטע, און איך האב באקומען שווארצע נביאות'ער, "טערמייטן" האט מען מיר געזאגט, "עס איז א פארלוירענע קאמף", האט יעדער געזינגען, "דארפסט ארויסווארפן יעדע זאך אין וואו זיי האבן זיך אריינגעכאפט, אויב ווילסטו בלייבן מיט סיי וועלכע האלצערנע זאך אין דיין שטוב", עטליכע האבן מיר פארציילט אז אפילו נאכ'ן ארויסווארפן זייערע טייערע אינפעסטירטע מעבל האט עס גארנישט געהאלפן, ווייל דערווייל האבן זיי זיך שוין געהאט אריינגעכאפט אין אנדערע פלעצער. אויך דער עקסטערמינענטער האט מיר נישט געקענט העלפן, זאגענדיג "עס איז נישטא וואס צו טון".

וואס טוט א איד? איך בין געגאנגען צום אייבערשטן, איך האב זיך אויסגערעדט דאס הארץ און אים געזאגט אז איך ווייס אז קיינער קען מיר נישט העלפן, נישט דער עקסטערמינעיטאר, נישט קיין עצה געבערס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר באלייכטן די אויגן וואס צו טון. אזוי בשעת איך רעד צום אייבערשטן קלינגט מיר דער טעלעפאן, דער גבאי מו"ה לייבי איז אויפן ליין, איך געדענק נישט וואס מיר האבן דאן גערעדט, אבער איך האב געשפירט אז דאס איז א סימן פון הימל, איך האב דאן מנדב געווען פאר'ן קרן הדפסה א זכות אין אשר בנחל, און דערנאך האב איך ארויסגעווארפן די פאר בענקלעך און דער שענקל, און זייט דעמאלטס ווייס איך נישט פון קיין באגס צו זאגן. דאס איז זיכער נאר בזכות אמונת צדיקים, בזכות מוהרא"ש און בזכות געבן צדקה פאר אשר בנחל וואס פארשפרייט די אמונה אויף די גאנצע וועלט.

השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך לא יתן לעולם מוט לצדיק.

**דארפט איר א ישועה? איר קענט נאך זיין דער קומענדיגער סיפור ישועה אינעם בלעטל, רופט שוין מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449 און פאר בלויז פינף הונדערט דאלער קויפט איר זיך איין א זכות אינעם הייליגן ספר אשר בנחל, און איר זענט מזכה טויזנטער אידן צו ווערן פריש מקורב צום אויבערשטן.**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

קאל, טעקסט: 718.387.2691

# ניַיעס פון קרן הדפסה

## הערליכע נייע לעמינעטעד "תיקון הכללי" ווערט ארויסגעגעבן

אין די טעג איז געגאנגען צום דרוק דורכ'ן "קרן הדפסה" א גאר פראקטישע תיקון הכללי, מיט גרויסע שיינע אותיות, געדרוקט אויף הארטע פאפיר, נאכדעם וואס עס איז שוין לאנג דא א שטארקע פארלאנג דערפאר ביים היימישן עולם.

אויפן בקשה פונעם ציבור האט מען געדרוקט צוויי סייזעס, א גרויסע, און א קלענערע "טרעוול סייז", אזוי אויך האט מען געמאכט סיי מיט פשוטע הארטע פאפיר און סיי לעמיענטעד.

מוהרא"ש שרייבט אין פעולת הצדיק (סימן תתצ"ז בהגהה) "נִמְצָא שֶׁעֲשָׂרָה קַאפִּיטְל תְּהִילִים" - טז, לב, מא, מב, נט, עז, קה, קלז, קנ - די צען קאפיטלעך, "שֶׁגִּלָּה רַבֵּינוּ זַ"ל", וואס דער רבי האט אונז אנטפלעקט, די תיקון הכללי, "הוּא תִּיקּוּן לְכָל הַחֲטָאִים שֶׁבָּעוֹלָם בִּכְלָלִיּוּת", איז א תיקון פאר אלע עבירות פון די וועלט, "וּבִפְרָטִיּוּת לְכָל מִינֵי פְּגָמֵי הַבְּרִית", און ספעציעל פאר פגם הברית רחמנא לצלן, "וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת לְמִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן".

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט (שם): "וְעַל כֵּן מִי הֶחָפֵץ בַּחַיִּים", ווער עס זוכט לעבן, "מִי הָרוֹצֶה לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה מֵעֲוֹנוֹתָיו וַחֲטָאָיו שֶׁנָּפַל בָּהֶם רַחֲמָנָא לִצְלָן", ווער עס וויל תשובה טון אויף זיינע זינד וואו ער איז אריין געפאלן, "כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי יְרִידוֹתָיו", יעדער איינער לויט ווי ער איז אראפגעפאלן, "יְרַחֵם עַל נִשְׁמָתוֹ", זאל רחמנות האבן אויף זיין נשמה, "וְיֹאמַר בְּכָל יוֹם אֶת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים", און זאגן יעדן טאג די צען קאפיטלעך תהלים, "שֶׁהֵם תִּיקּוּן חָדָשׁ לְגַמְרֵי", וואס דאס איז א נייער תיקון.

דער רבי זאגט אז נאכן זאגן די צען קאפיטלעך תהילים פון "תיקון הכללי" דארף מען מער נישט איבער טראכטן וואס מען האט געטון, דער עיקר תיקון הברית - האט דער רבי געזאגט - איז "נישט איבערטראכטן"; איינמאל מען האט געזאגט דעם תיקון הכללי זאל מען מער נישט איבער טראכטן וואס איז געווען, נאר אנהייבן מיט א נייע התחלה דינען דעם אייבערשטן, לערנען און דאווענען און טון מצוות.

מוהרא"ש זי"ע האט איינגעפירט אז אנשי שלומינו זאלן זאגן די צען קאפיטלעך תהלים יעדן טאג נאכ'ן דאווענען, נאך איידער מען טוט אויס די תפילין. און אנשי שלומינו זענען דאס מקיים, און האט מען באשלאסן צו דרוקן דעם תיקון הכללי אויף דעם פראקטישן פארמאט.

אזוי אויך זאגן די מפיצים איז דא א גרויסע פארלאנג פון אידן איבער די וועלט וואס ווילן מקיים זיין בפשיטות וואס דער רבי האט געבעטן, און זוכה זיין צום גרויסן תיקון.

# בילדער פון קרן הדפסה



מ'גרייט אן קונטרסים פאר אומן ראש השנה תשפ"ו הבעל"ט




די נייע תיקון הכללי קארטל אוועילעבל



גרייט צו סטעפלען The Tzaddik's Accomplishments

# אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **אלכסנדר ראטה**<br>קרית ברסלב | **שלמה לאנדא**<br>וויליאמסבורג | **יוסף ברילל**<br>וויליאמסבורג |
| **לוי יצחק זאפיר**<br>בארא פארק | **בניהו אונגאר**<br>קרית ברסלב | **שמואל דוד ברוין**<br>קרית ברסלב |
| **מרדכי היימליך**<br>קרית ברסלב | **ישראל חיים זילבער**<br>לעיקוואוד | **משה מאיראוויטש**<br>טאש |
| **שלום שענקער**<br>סטעטן איילענד | **נפתלי הערש פארקאש**<br>קרית ברסלב | **זאב סרולאוויטש**<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449

# קוק אהער

## ס'נישט מיינע קינדער!

זיך יא וואשן? זיך נישט וואשן? וואס טו איך? די מאגן פלאצט שוין, געפראוועט א שבת מיט אלע מיני מטעמים. און יעצט פאר שלש סעודת שפיר איך שוין ווי דאס איז עס, מער גייט שוין גארנישט אריין...

שטייענדיג און טראכטנדיג וואס זאל איך טון דא, געבט זיך איינער א שאַר צו און רוימט מיר אריין אינעם אויער 'ר' איד מ'דארף זיך נישט וואשן פאר שלש סעודת, מ'קען יוצא זיין מיט דברי תורה....

נו איז לערן טאקע! שרייט דער ראש ישיבה... דער לץ איז סתם דא דיר אוועקצושלעפן, ווי שווער איז שוין זיך וואשן שלש סעודת? יא, ס'דא וואס זאגן אז מ'קען יוצא זיין מיט דברי תורה, דאס איז אבער נאר אויב מ'לערנט דברי תורה...

אויב גייסטו סתם ארום זאגן אז מ'קען יוצא זיין מיט דברי תורה און נאכדעם שמועסטו אינדרויסן גאנץ שלש סעודת ביסטו סתם א לץ!

* * *

אוי לכבוד התנא האלוקי....ס'איז שוין אט אט ערב ל"ג בעומר, וואו איך גיי און וואו איך שטיי פריידט מען זיך, מ'מאכט הכנות, מ'הערט דער פארט צו רבי שמעון, יענער פארט צו רבי שמעון, אבער וואס האב איך מיט רבי שמעון?!

די לופט שפירט א לויטערקייט, ס'הענגט שוין די צעטלעך אין שול מיט די 'זמנים פאר ל"ג בעומר', די גרויסע הדלקה וואס גייט פארקומען, און די זכותים וואס מ'קען זיך אלס איינהאנדלן ס'ממש געוואלדיג. אבער 'ואני אנא אני בא' איך שפיר גארנישט!

איינער קומט מיר פרעגן: "נו, דו פארסט צו רבי שמעון?"

"ניין, איך פאר נישט און ליידער שפיר איך גארנישט..."

איז עס נאר מיך? גאנץ כלל ישראל איז קאָנעקטעד צו רבי שמעון נאר איך שפיר עפעס אזוי גארנישט'דיג?

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו און זאגט ביי די שיעורים אז וואו מ'איז נאר קען מען זיך מתחבר זיין צו רבי שמעון, דער וואס פארט אשרי לו, און דער וואס פארט נישט, איז נעם דעם ספר הזוהר. לערן די ספר פון רבי שמעון וועסטו זיין ביי רבי שמעון!

איך גיי נישט אויסקוקן ווי דער וואס זאגט אז מ'קען יוצא זיין שלש סעודות מיט דברי תורה. און נאכדעם טרעפסטו זיך שמועסן און פארברענגען די צייט... ניין, איך בין טאקע נישט געפארן. און איך שפיר טאקע נישט אפשר דאס וואס אנדערע שפירן און ברענען פאר ל"ג בעומר - אההה רבי שמעון! אבער איך האב א וועג!

ס'איז ערב שבת אח"ק. איך גיי אריין צו מו"ה לייבי ראטה הי"ו אין ספרים געשעפט און איך האנדל מיך איין לכבוד ל"ג בעומר א ספר הזוהר. און שוין שבת פאר ל"ג בעומר גיי איך אנהייבן א שיעור אין דעם הייליגן ספר הזוהר, איך גיי זיך נישט טרעפן אין דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר ווי א יָון אין די סוכה...

אזוי האב איך געטון, איך האב טאקע אנגעהויבן א שיעור שבת פאר ל"ג בעומר, און א גאנצע וואך האב איך ממשיך געווען מיט מיין שיעור אין תיקונים.

ל"ג בעומר איז שוין דא, העכערן ספר זוהר האב איך געבעטן דעם אייבערשטן 'געב מיר צו שפירן אביסל דעם ל"ג בעומר, העלף מיר איך זאל נישט זיין אזוי אויסגעלאשן פון דעם הייליגן טאג'.

די הדלקה איז זייער שיין געווען, און איך האב געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען עפעס שפירן פון דעם לעכטיגקייט. אזוי אינמיטן בעטן דעם אייבערשטן צופייערט זיך די מוזיק 'יבטל כל הגזירות, יבטל כל הגזירות' און ס'האט געגעבן א שניידט אריין גראד אין מיין הארץ "הייליגער באשעפער וואס איז דער גזירה אז איך קען נישט אריין צו די קדושה? ווער האט דאס גוזר געווען אז איך וועל שוין נישט קענען זיין אן ערליכער איד? ווער האט געמאכט די גזירה אז איך בין דערנאך?"

יבבבבבבטטטטללללל!

"באשעפער בזכות רבי שמעון זיי מבטל די גזירה, איך שטיי שוין גענוג לאנג ביים טיר, איך פרעג נישט קיינעם, איך קום אריין צו די קדושה, איך הייב אן

## דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייַנבליק

**ישראל דוד העסקעל**



פון יעצט זיין אן ערליכער איד! אוי יבטל כל הגזירות יבטל כל הגזירות אה מחיה!!!"

* * *

ל"ג בעומר ביינאכט איז געווען די וועכנטליכע 'ברידערלעך שמועס' אויף קול ברסלב וואו זיי האבן ארויפגעברענגט דעם גבאי פון בני ברק און ארויסגעבער פון ספר אשית עצות בנפשי מו"ה יואל לעווי הי"ו וואס איז איבערגעגאנגען די יו"ט'דיגע טעג אין ארה"ק מיט די דערהויבענע באזוך פונעם ראש ישיבה.

אזוי אינמיטן דעם שמועס האט ר' יואל פארציילט אן אויסטערלישע שכל וואס דער ראש ישיבה האט איבערגעגעבן פאר די מלמדים אין חדר אין בני ברק ביים באזוך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אמאל מאכט זיך א מלמד איז נישט געשלאפן גענוג אדער עפעס גייט אויף אים איבער, און ער שפירט אז ער האט ממש א מערכה מיט יעדן קינד עקסטער, איז די עצה ער זאל מחליט זיין ביי זיך אין קאפ אז ער איז נאר ממלא מקום, ער איז נאר דא היינט פאר איין טאג אין חדר, ער דארף נאר מאכן זיכער אז קיינער שיסט נישט אויס קיין פענסטער, און קיינער זאל נישט בייסן קיינעם און שוין... דאס איבריגע וועט דער מלמד שוין מארגן זיך אן עצה געבן...

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז צומאל אין ישיבה טוט ער דאס אויך... די בחורים וואונדערן זיך אסאך מאל ווי אזוי קען זיין אז היינט איז א בחור אנגעקומען דריי אזייגער אין ישיבה און דער ראש ישיבה האט אים גארנישט געזאגט? 'די סוד איז' האט דער ראש ישיבה געזאגט: ווען איך בין איבערגעשטערענגט טראכט איך אז איך א ממלא מקום נאר פאר היינט פאר איין טאג...

פרייטאג צונאכטס אויפן וועג אהיים פון שול, האב איך נאך איין מאל געמאכט א הייסע תפילה צום אייבערשטן 'הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען מאכן א פריילעכע לעבעדיגע סעודה פאר מיין משפחה, העלף איך זאל מיך נישט אויפרעגן, ס'זאל זיין א גוטע געשמאקע לופט - באשעפער העעעלף!

שכח אייבערשטער פארן מיך מזכה זיין מיט די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, אז איך האב געקענט אריין נעמען צו מיר אין שטוב נאך צוויי קינדער וואס די עלטערן האבן געהאט א קינד, און זיי זענען געקומען איינשטיין ביי אונז פאר די פאר טעג.

זיץ איך זיך ביי די סעודה, מ'ברענגט אריין די פיש און מיין זון זיצט אזוי מיט איין פוס אויפן בענקל און איינס אויף דער ערד, און מיין צווייטע זון האט שיעור נישט איבערגעדרייט די גאנצע באטל סאדא, ס'איז הויך יו"ט, יעדע סעקונדע עפעס אנדערש, איך שפיר אט אט גיי איך זיך שוין פארלירן און איך גיי מאכן סדר, ווען פלוצלינג געבט מיר א שיין אריין די שכל פון דער ראש ישיבה!

טראכט ביי דיר ס'איז נישט מיינע קינדער, איך דארף זיי נישט יעצט סעקירן אויף יעדע ריר, דאס זענען געסט, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן מיינע לעכטיגע קינדער נאר יעצט פאר איין טאג, זאלן זיי דא ביי מיר איינשטיין, און ווי לאנג זיי שיסן נישט אויס די פענסטער, וואס גייט מיך אן ווי אזוי ער זיצט... וואס דארף איך קוקן וויפל ער עסט... איך דארף נאר אכטונג געבן זיי זאלן בלייבן גאנץ...

שכח אייבערשטער אז מיט די שכל - און נאך א גאנצע וואך בעטן דעם אייבערשטן האבן מיר געהאט די פריילעכסטע שבת וואס איך קען געדענקען, ס'האט געהאט אלע טעמים!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען לעבן מיט די עצות פון א צדיק אויף יעדן טריט אין לעבן, במילא זענען אונז נישט אליין, מיר האבן די עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז צו קענען האבן א שיינע לעבן, און זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**




# קלאסיפיידס

## Summer House

1 bedroom suite available for the summer,
10 minutes walk from אילן החיים , Freshly renovated ,Private entrance, Fully furnished, Parking.
Call 845-866-6293

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן יצחק אפפעלדארפער הי"ו**
**וזוגתו דבורה שיינדל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.



קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## הבה"ח דוד טשינגל הי"ו

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

## לרגל דיין שידוך שליסן בשעטומ"צ
## עב"ג הכלה החשובה תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן די זיווג זאל עולה יפה זיין און ס'זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע מנהל קרן הדפסה

## מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו
## וזוגתו תחי'

וואס שטייט אין שפיץ פון אלע אקטיוויטעטן פון 'קרן הדפסה'

## לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש
נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו
זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און
פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

# פאר די ברסלב׳ע שטוב



## פייגע טשיס קעיק רעסעפּי
## לכבוד יום טוב שבועות

**הער א מעשה**
נשי ברסלב

**ציפעדיגע חומוס**
ג. פעקעטע

**אוי אוי, פאר דיר, פאר דיר**
ש. ל. פליישמאן

קרן ה...
היכל...

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל

על ידי הפצת ספרי רבי...

מיר ווילן אויס...
הכרת הטוב ...
הנכבד פאר...

פרנס החו...

מו"ה משה ה...
מו"ה אשר ...

דער אייבער...
העלפן אז אין ז...
און פארשפ...
הייליגן רבין'ס...
דיר דער איי...
ערפילן כל מ...

## פרנס השנה

| | |
|---|---|
| מו"ה<br>יצחק אייזיק ראטה<br>הי"ו | מו"ה<br>שלמה זלמן<br>גלאנשטיין<br>הי"ו |
| מו"ה<br>הרוצה בעילום שמו<br>הי"ו | מו"ה<br>זלמן לייב מייזעלס<br>הי"ו |
| | |

## פרנס החודש

| | | | |
|---|---|---|---|
| ניסן | מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו<br>לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם | תמוז | מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו<br>מו"ה יחזקאל שרגא קרויס הי"ו |
| אייר | מו"ה משה האמער הי"ו<br>מו"ה אשר לעווי הי"ו | אב | מו"ה אלי קנאלל הי"ו |
| סיון | מו"ה בניהו אונגאר הי"ו | אלול | מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו<br>מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו |

## פרנס השנה

מו"ה
יהודה אריה לייב ליעבערמאן
הי"ו

מו"ה
יקותיאל פעלדמאן
הי"ו

מו"ה
מאיר וויזעל
הי"ו

מו"ה
דוד טשינגל
הי"ו

## פרנס החודש

| | |
|---|---|
| **תשרי** | מו"ה חיים ישעי' דעפרים הי"ו<br>מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו |
| **טבת** | מו"ה שלמה לאנדא הי"ו |
| **חשון** | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו<br>מו"ה דוד מין הי"ו |
| **שבט** | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו<br>מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו |
| **כסלו** | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו<br>מו"ה משה עקשטיין הי"ו |
| **אדר** | מו"ה יואל אפענהיים הי"ו |

דפסה
ל הקודש ברסלב
ותלמידיו הקדושים בעולם

...נו נביא משיח צדקינו

דריקן אונזער
פאר ידידינו
ן מנדב זיין

דש אייך

האמער הי"ן
לעווי הי"ן

שטער זאל
בות פון דרוקן
פרייטן דעם
ם ספרים זאל
בערשטער
שאלות לבך.

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמענבליים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## אוי, אוי, פאר דיר, פאר דיר, איך לעב נאר פאר דיר...

ס'איז מיר זייער שווער,
די ליפן צאמצובייסן,
מיין צונג אראפשלינגען,
זיך איינהאלטן מיט אלע כוחות,
א בייסיג ווארט צו זאגן...

ס'איז מיר זייער שווער,
פיל הלכות אפצוהיטן,
איך זיך מיך אויף א קולה,
בדיעבד לכתחילה,
זיך צו מאכן גרינגער.

ס'איז מיך זייער שווער,
בלייבן אין א גוטע, mood
ווען איך קען נישט שטיין גראד,
מיינע אויגן האלב פארמאכט,
איך זע שטערנס טאג און נאכט.

ווען איך גיב אבער א טראכט,
פון דיר טאטע אין הימל,
ווערט מיר ווי א פעדער לייכט,
באשעפער.

איך גיב א ווארט א זאג,
פאר **דיר** עס איז מיין פלאג,
עס ווערט מיר פשוט גרינג,
איך פיל גלייך פריש און יונג.

מנהג? דרבנן? דאורייתא?
איך פיר נישט די חשבונות,
ס'איז א נייע מעשה,
ס'איז מער נישט קיין נסיונות.

איך באקום צו דעם א געפיל,
ווייל איך לעב נאר מיט דעם ציל,
פאר דיר... פאר דיר...
איך לעב נאר פאר דיר.

איך שפיר מער נישט געצווינגען,
מיין צונג אראפצושלינגען,
ס'איז נישט פאר מיר א שטראף,
פרעגן שאלות פון א רב.

ס'איז נישט אן עול מיין שלום בית,
נאר א פרישקייט און א חיות,
אויך מיין חינוך הבנים,
באקומט א נייע פנים.

**ווען צו מיין באשעפער טו איך בענקען,**
מיין **ציל** טו איך געדענקען,
פאר דיר... פאר דיר...
איך לעב נאר פאר דיר...!



ג. פעקעטע

# ציפעדיגע חומוס

איך בין אריינגעפארן אין מיינע זכרונות פון יענע דערהויבענע נסיעה קיין מירון, האב איך זיך אנגעטראפן אין נאך א אינטערעסאנטע זכרון וואס איז מיר אריינגעקומען.

איך געדענק ביים ארויסגיין זענען מיר געווען אויסגעהונגערט פון די לאנגע וועג, פון די קדושה פון די הייליגע ל"ג בעומר טעג וואס מיר האבן פרובירט וואס מער אויסצוניצן צום גוטן, אריינכאפן תהילים, גוטע מעשים און קבלות אין זכות פון דער הייליגער ר' שמעון, וואס ער האט דאך אריינגעברענגט דעם ספר זוהר און קבלה

אין די וועלט זאגט מען אז די הייליגע ספר זוהר הקדוש קען מען נישט לערנען פאר ווען מען קומט אן אין די עלטערע יארן, אבער דער רבי געבט אונז א עצה, זיך צו קענען געבן א פלייצע אין א יעדע מצב, און צושטאנד אין לעבן, איז קען איך נישט ווארטן ביז איך וועל זיין אין יענע יארן, זיך צו באהעפטן מיט די זיסע לעכטיגע עצות וואס צדיקים לערנען אונז. האט דער רבי אויסגעלערנט א וועג, אז יעדע זאך זאל זיין שייך צו מיר.

ס'איז דא פרויען וואס האבן אלס ליב צו רעדן די קבלה שפראך, ווי מען זאגט עס אין א שפריך ווארט, אין א יעדע געלעגנהייט פרובירט מען זיך צו פארנעמען א נייע קבלה פאר א נויטיגע זכות. אבער מיט דעם רבינ'ס שכל פארשטיי איך אז די קבלות איז נישט נאר ווען מען ווערט אין די עלטערע יארן, ווען ס'איז שוין אריבערגעלאפן די היץ און די רייץ פון די יוגנט, נאר איך קען אויך היינט לעבן מיט די קבלות.

ווי אזוי? מען זאגט ארויס צום אייבערשטן די קבלה וואס מען וויל טון, און מען בעט אים אן א שיעור מאל אז מען זאל עס קענען ערפילן, אזוי קענען מיר פשוט'ע היינטיגע פרויען, זיך אויך מקשר זיין מיט צדיקי אמת.

ביים אראפקומען פון בארג זיך אויסוויינענדיג און אויסבעטנדיג, און זען ווי די מענער טאנצן און שפרינגען מיט אזא שמחה און א ברען, איז מיין גוף געווען גוט אויסגעברענט און עס האט זיך קריטיש וויכטיג געדארפט זיך צוריק כאפן די אטעם מיט אביסל עסן

אונטן פון די בארג איז דא א קליינע געשעפט מיטן נאמען 'חומוס אליהו' איך האב געהאט געהערט פון איינעם אז די 'חומוס' וואס זיי שטעלן צו איז נישטא צום גלייכן אין די גאנצן לאנד, עס לוינט זיך דארטן אריינצוטרעטן און נעמען א פארציע פון זייער וועלטס בארימטע 'חומוס'. נו, עפעס דארף איך עסן און דא ממש איז די געלונגענסטע חומוס וואס קען נאר זיין, לאמיר אריינגיין עס אויספרובירן.

אזוי שטייענדיג אין די רייע, פארשטייט זיך ס'איז געווען א לאנגע געשלענגטע רייע. האב איך פרובירט אויסלייענען די צעטל ווי עס שטייט די גאנצע מעניו וואס מען קען זיך אויסוועלן. איך בין נישט די גרעסטע 'פען' פון חומוס, אבער אלס צובייס פאר א ברויט וועט עס שוין מיטגיין האב איך געקלערט צו זיך.

די רייע האט זיך שטייט גערוקט, און אט אט איז שוין געווען אונזער געלעגנהייט צו בעטן וואס מיר ווילן האבן. די גאנצע לאנגע צייט וואס איך האב געקוקט אין די קארטל האב איך דאך נישט געקענט פונקטליך ארויסהאבן וואס יעדע טעלער פארמאגט מיט זיך.

אויף יעדע איינס איז געשטאנען 'חומוס' מיט אפאר ווערטער וואס איך האב נישט פונקטליך געקענט

איך בין עס געגאנגען ברענגען צום טיש. ווי איבערראשט בין איך געווען צו זען אז הכל, בכל, מכל וואס מיר האבן באשטעלט, איז איין גרויסע חומוס דיש...

פארשטיין די באדייט דערפון. אזוי צוזאמען האבן מיר פרובירט צאמשטעלן די בילד וואס וועט קומען נאך וואס מיר האבן די דריטע פון די רייע באשטעלט.

מיר האבן זיך וואוועקגעזעצט אינדרויסן אויף א שטילע פלאץ ווארטן אז די ארדער זאל ווערן גרייט. נאך געציילטע מינוטן האט מען אויסגעשריגן די נומער פון אונזער ארדער, און איך בין עס געגאנגען ברענגען צום טיש.

ווי איבערראשט בין איך געווען צו זען אז הכל, בכל, מכל וואס מיר האבן באשטעלט, איז איין גרויסע חומוס דיש, קיין צייט איז נישט געווען צופיל, מיר האבן זיך דאך געיאגט ווייטער צו א צווייטע ציל, בין איך זיך געגאנגען וואשן נטילת ידים, און בלית ברירה פרובירט זיך צו זעטיגן מיט די פאמיליע סייז טעלער פיל מיט חומוס, ס'זאל נישט גיין די גאנצע זאך אויף שיריים.

די טעלער איז געווען פלאך און ברייט, אנגעפילט מיט א גרויסע הויפן חומוס וואס רינט איבער פון ביידע זייטן. אין די מיטן פון די בארג חומוס, איז געווען א גריבל אנגעפילט מיט א רויטע סארט ציפעדיגע קרעמל, עס האט איבערגעשפריצט איבער די גאנצע טעלער, און צום ערשטן פארזוך האט עס אויסגעקוקט ווי איך וועל עס נישט קענען ענדיגן עסן אויף קיין שום פאל, א ציפעדיגע סחוג האט איבערגענומען די טעם דערין, און ביים ערשטן ביס פון די שטארקע ציפעריי האב איך נישט געוואוסט וואו זיך אהין צו טון.

איך האב געווארט מיט שפאנונג עס זאל נאכפאלגן עפעס דערצו, אבער... דאס איז עס... האב איך שנעל איינגעזען צו מיין מיה.

די צייט איז געווען שפעט, איך האב זיך געיאגט, און מיין מידעקייט האט געזוכט נאר א בעט, האב איך וואס מער פון די פיטא פרובירט זיך צו זעטיגן, און מיט די גאנצע פלאץ 'חומוס אליהו' זיך שנעל געטון געזעגענען.

אויפן וועג נאכדעם וואס מיר

האבן דורכגעמאכט בדרך נס אונזער ארויסגיין פרשה. האבן מיר זיך גענומען אנאליזירן וואס איז פשט פון אזא מאדנע רעסטוראנט, וואס טיילט בלויז א טעלער חומוס אלס א גאנצע נאכטמאל.

קען זיין אז פאר אייך, אידן אין ארץ ישראל איז עס נישט אזוי מאדנע. אבער איך האב נאך אזא טעלער נישט באקומען אויף סיי וועלכע פלאץ איך האב אמאל געקויפט עסן. א גאנצע אנגעפילטע טעלער חומוס.

איך האב זיך געהאט ארומגעקוקט, נאכן אנטוישט ווערן, מיט מיין פארציע וואס איך האב באשטעלט, אז געוויס איז געווען אויף א יעדנס טיש אזא איבערגעפילטע טעלער חומוס. נאר אויף יעדן איינעם'ס איז געווען א אנדערע טאפיק אינדערמיט פון די טעלער, פיטא און לאפא האבן זיי צוגעגעבן וויפל מען וויל, אבער די מעין דיש, די עיקר פון די מאלצייט איז געווען... א טאפ חומוס...

איך האב געקלערט צו זיך אז יעדער מאכט זיך מיט זיין פרשה אין לעבן, יעדער האט א צווייטע סארט טאפיק וואס באשפריצט זיי, דורכאויס זייער רייזע דא אויף די וועלט. אבער... די עיקר וואס האלט די אלע טאפיקס, די שפריצן וואס מען לייגט ארויף אויף די לעבן, זאל זיין סחוג - א פלאקערדיגע ציפעדיגע צושפייז, וואס פון איין לעק דארף מען זיך ערהוילן אפאר וואכן, צוריק צובאקומען א טעם אין די צונג. אדער זאל זיין זיתים - איילבירטן, וואס יעדער מאכט זיך מיט שווערע טעג ווי זיתים, און א איד איז אזוי ווי א זית, מען שטופט עס און מען שטויסט עס און מען קוועטשט עס, אויף יעדע מין וועג, אבער די שיינקייט איז, וואס רינט ארויס פון די זית ווען עס ווערט אזוי צוטראטן. אויב דערהאלט מען זיך קומט ארויס שמן זית זך, א לויטערע דעת.

אויך האבן מיר געזען געפרעגלטע צוויבל - אזוי ווי מען זאגט, אז דער רבי האט ליב געהאט א געפרעגלטער חסיד, איינער וואס גייט אויף אין דורך שווערע איבערגייאכץ, אבער דאך דערהאלט ער זיך און בענקט און באהעפט זיך ווייטער צום אייבערשטן, דאס איז אן אמת'ע חסיד.

אבער די עיקר צו די אלע טאפיקס איז געווען, די שיסל חומוס פון אונטן, וואס דאס האט מיר אויסגעקוקט ווי א באטל אמונה, אונטערגעשפריצט אונטער די אלע דורכגייאכטץ אין לעבן.

דו האסט סחוג - ס'ציפט, מען שטויסט דיר ווי א איילבירט, מען פרעגלט דיר ווי א צוויבל. געדענק אבער, אונטער די שוועריגקייט און פיין, ליגסטו אויף א בעט פון אמונה, אויב האסטו א גאנצע שיסל פול מיט אמונה, דו שפירסט אז דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר, אין דיר, ער איז דער וואס מאכט א יעדע זאך אין דיין לעבן זיך פירן, איז נישט אזוי שווער דורך צו גיין די טעלער חומוס מיט ציפ פון אויבן.

דו קענסט זיך אריינטינקען אין די חומוס פון אונטן, און אזוי זיך זעטיגן און שטארקן מיט קלארע אמונה.

די חומוס - דאס איז דאך די עיקר, נאר אמונה קען דערהאלטן א איד, אין סיי וועלכע אומשטענדן.



# הער א מעשה

## נשי ברסלב

ירושלים עיר הקודש

פסח שני ווען מיר זענען געווען אויפן וועג צו די מסיבה בראש דעם ראש ישיבה שליט"א, איז אלעס געווען זייער פארשלעפט.

דער באס איז געקומען שפעט און נאכדעם האט גענומען צייט ביז מ'איז ארויסגעפארן און ווען מ'איז שוין ענדליך ארויסגעפארן איז געווען זייער א שטארקע טרעפיק, מען איז געשטאנען 10 מינוט און גארנישט רירט זיך נישט.

ביז איינער רופט זיך אן: "זעט אויס אז מען האט נישט געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל אנקומען אין צייט, קומט בעטן און מען וועט ארײנשיקן א מעשה פון די תפילה צו די בלעטל".

אלע פון גרויס ביז קליין האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען פארן ווייטער און אנקומען וואס שנעלער, און שכח אייבערשטער מען האט גלייך געקענט פארן ווייטער און אנגעקומען אין צייט.

שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון די כח פון תפילה.

האב איך שוין געדארפט אויסלעשן די חלות, איך האב געטראכט וואס צו טון, זאל איך יעצט אהיימגיין אינמיטן, וואס טוט מען דא, און אויב אהיימגיין וויאזוי טרעף איך א וועג אהיים.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו וויסן וואס צו טון, עס איז מיר בייגעפאלן צו פרעגן מיין שכן זאל אויסלעשן די אויוון, אבער די סערוויס האט נישט געארבעט דארט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל איר קענען רופן. נאכן הדלקה בין איך געווען פארנומען צו רופן מיין שכן, ברוך השם איך האב איר צום סוף געקענט זאגן אויסצולעשן די חלות. אבער אזוי אינצווישן זיין פארנומען מיט די חלות און איר זאגן אז זי זאל אויסלעשן די חלות האב איך פארפאסט דעם שיעור פונעם ראש ישיבה וואס מען האט אנגעצינדן ביי די סעודה אין בית המדרש.

עס האט מיר זייער וויי געטון אז איך האב דא פארפאסט דעם שיעור, איך האב עס אזוי אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן מיין ווייטאג אז איך האב פארפאסט דעם שיעור, אזוי שטייענדיג אין שול נאכן שיעור, הער איך ווי מען צינדט אן נאכאמאל דעם שיעור פאר די וואס האבן פארפאסט די שיעור...

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע מעשיות פון תפילה.

## ה. פרידריך

קרית ברסלב

ערב ל"ג בעומר האב איך געוואלט באקן פרישע חלות און אויך אנקומען פארנאכטס צום גרויסן פרייליכן הדלקה אין שטעטל. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען צו ביידע. הארט פארן הדלקה האב איך ברוך געענדיגט פלעכטן די חלות, און אריינגעלייגט אינעם אויוון.

די הדלקה ביים שול איז געווען ברוך השם אויסנאם שיין און פרייליך. ביז דערוויל האב איך זיך גוטע אויסגעבעטן דעם אייבערשטן אלע גוטע זאכן וואס איך דארף. אינמיטן

## ג. אפפעל

קרית ברסלב

איך בין געגאנגען שאפינג מיט מיין שוועסטער אין א גרויסע שאפינג מאלל וואס האט אין זיך אסאך סטארס. ביים אנקומען אינדערהיים זע איך אז מיין פאקעט בוק איז נישט דא, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען טרעפן.

איך האב פרובירט צו רופן דארט אפאר סטארס, אבער קיינער האט מיר נישט געקענט העלפן. דארט איז געווען איין אידישע סטאר, און אזוי אינמיטן רופן סטארס האבן זיי אנגערופן זאגן אז זיי האבן עס געטראפן ביי זיי.

# Cheese cake

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 1/2 BAG OSTREICHER'S VANILLA COOKIES
- 1/2 STICK BUTTER
- 1/2 LB FARMER CHEESE
- 8 OZ SOUR CREAM
- 16 OZ WHIPPED CREAM CHEESE
- 3/4 CUP SUGAR
- 3 EGGS
- 1 T FLOUR
- 1 T VANILLA SUGAR

## DIRECTIONS:

PREHEAT OVEN TO 350. CRUSH COOKIES IN A BAG, THEN MIX IN A DEEP 9" ROUND PAN WITH THE BUTTER AND PRESS EVENLY ONTO BOTTOM OF PAN. BAKE CRUST FOR 5 MIN.

MIX WELL REST OF INGREDIENTS TILL SMOOTH.

POUR OVER THE CRUST AND BAKE FOR 1 HOUR.

PLACE A PAN OF WATER ON THE RACK BELOW WHILE BAKING.

WHEN CAKE HAS COOLED, MIX 1T SUGAR 1/2 T VANILLA SUGAR 5T SOUR CREAM AND SPREAD EVENLY OVER CAKE.






# WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

# קינדער פלעטל

## מיין וועג צוריק פון מירון

- משפחת גליק

## גראטעוועט א גאנצע שטאט פון פייער, דורך טון חסד

- מענטשערליך



- ווארט מיט שפאנונג: הערליכע "שבועות פארמעסט" קומענדיגע וואך אי"ה -

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## גוּטֶע עַקְשָׁנוּת

קִינְדֶער צִי ווייסְט אִיר אוֹיבּ זַיין אַן עַקְשָׁן אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיף וָואס מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח) וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֲפִילוּ מֶען הָאט מְנִיעוֹת, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן - דָארְט אִיז עַקְשָׁנוּת נִישְׁט גוּט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תל), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט פִירְן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶע'עַקְשְׁנְ'ט בִּיז עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פֵיְגָא - דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי'ן - הָאט בַּאקוּמֶען דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; דָארְט אִין שְׁטוּבּ פְלֶעגְן קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זֵיי פְלֶעגְן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ צוּהֶערְן.

אֵיינְמָאל הֶערְט דֶער רֶבִּי וִוי דִי צַדִיקִים שְׁמוּעֶסְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי גֵייעֶן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער בַּעַל תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ וִויל אוֹיךְ מִיט פָארְן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק"; אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קוּקְן אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם נַחְמָן אוּן זָאגְן: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִינְף יָאר, דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע, מֶען קֶען דִיר נִישְׁט מִיט נֶעמֶען".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע פִיס אִינֶעם רֶעדְל פוּנֶעם וָואגְן, דֶער בַּעַל עֲגָלָה קוּקְט וִוי דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן לִיגְט מִיט זַיינֶע פִיס אִין רֶעדְל, עֶר שְׁרֵייט: "אִינְגְל, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף! לָאז דֶעם וָואגְן פָארְן"! דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, עֶר וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף.

אוֹיפְ'ן וָואגְן אִיז גֶעזִיצְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, רֶבִּי חַיִּים קְרַאסְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס בְּרֶענְט אִין דֶעם אִינְגְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעפּ אַרַיין אִין וָואגְן, עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ הִיטְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִּים קְרַאסְנֶער פַארְ'ן מִיר מִיט נֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען זֶען אֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין וָואס עַקְשָׁנוּת אִיז; עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ גוּטֶע מִדָּה אוּן עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה. וֶוען דִי טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן - דֶעמָאלְט פָאלְגְט מֶען אֲפִילוּ מֶען וִויל אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן.




## אִיךְ מוּז מִיטְגֵיין!

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

 

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש האט געזאגט: יעדע בחור און יעדע מיידל וואס וועלן קומען קיין יבנאל און אויסזאגן תהלים ביי מיין ציון, זאג איך צו אז איך וועל נישט רוען ביז איך וועל טרעפן זיין שידוך!

## ברסלב'ע חידות

**חז"ל זאגן: ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה זאגט דער אייבערשטער: רעכן איך כאילו דער מענטש האט קיינמאל נישט**

א. געטשעפעט א איד

ב. פארפאסט זמן קריאת שמע

ג. געזינדיגט

ד. קיין חברותא

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: שיסן מיט א ל"ג בעומר שיסער איז א סגולה פאר קינדער

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך קען א מאנקי האבן און דו נישט?**

א מאנקי באנאנע

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**מט. אֵין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִבְנֶה, עַד שֶׁיִּכְלֶה גַּאֲוָה.**

דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן, נָאר וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי גַאֲוָה.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה יאקאבאוויטש - קרית ברסלב - כתה ב**

# מענטשערליך

## בורא

"...מִינֵי מְזוֹנוֹת" אָמֵן! שֶׁהַכֹּל נִהְיָ'ה בִּדְבָרוֹ. אָמֵן! הוֹיכֶע בְּרָכוֹת הָאבְּן אָפְּגֶעקְלִינְגֶען אִין דִי דְרִיטֶע קְלַאס. יֶעדֶע מֵיידְל הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אִיר רִיסֶעס. גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה. גֶעגֶעסְן אוּן גֶעשְׁמַאק פַארְבְּרֶענְגְט.

פֶּערִי הָאט גֶעעֶפְנְט אִיר זֶעקְל אוּן גֶעטְרָאפְן 4 קוּכְן, פַּאפְּקָארְן אוּן אוֹיפְגֶעשְׁנִיטֶענֶע עֶפְּל, זִי הָאט גֶענוּמֶען הַאלְבּ פוּן דִי עֶסְן פַאר זִיךְ אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ לִיבִּי מִיט דִי הַאלְבּ לֵיידִיגֶע זֶעקְל.

"אִיךְ הָאבּ אִיבְּרִיג, ווִילְסְט הָאבְּן?" הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט. לִיבִּי'ס אוֹיגְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, צוּלִיבּ עֶפֶּעס אַ סִיבָּה, בְּרֶענְגְט לִיבִּי נִישְׁט קַיין רִיסֶעס פוּן דֶערְהֵיים. פֶּערִי הָאט גֶעהַאט אַ גָאלְדֶענֶע הַארְץ אוּן נָאכְן זֶען אַפָּאר טֶעג אַז לִיבִּי הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן אִיר מַאמֶע אַז זִי זָאל מִיטְשִׁיקְן מֶער אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען טֵיילְן מִיט לִיבִּי. אַלֶע מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ לָאזְן זֵיי זֵייעֶר עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים וֶועט פֶּערִי זִיךְ גֶערְן טֵיילְן מִיט זֵיי.

"דְרְרְרְ...." דִי בֶּעל הָאט אָפְּגֶעקְלִינְגֶען הוֹיךְ אִין קְלַאס צִימֶער. אַלֶע מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעמַאכְט נָאךְ בְּרָכוֹת אוּן זִיךְ גֶעאַיילְט צוּ זֵייעֶרֶע פְּלֶעצֶער, פַאר זֵייעֶר לֶערְן מָרַת וֵוייס קוּמְט אַרַיין.

"אַ גוּטְן טָאג מֵיידְלֶעךְ", יֶעדֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אִיר פְּלַאץ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מְכַבֵּד זַיין אַ לֶערְן.

"אַמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פֵייעֶר וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט, חוּץ דִי גֶעגְנְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רָב הוּנָא הָאט גֶעוואוֹינְט. וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק מֵיידְלֶעךְ, אִיז דָאס גֶעוֶוען אִין זַיין זְכוּת אָדֶער אִין זְכוּת פוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶ פְרוֹי וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אִין יֶענֶע גֶעגְנְט?" הָאט מָרַת וֵוייס אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיר שִׁיעוּר.

פִיל מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶרֶע הֶענְט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

"וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה? אַוַודַאי אִיז עֶס גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן רַב הוּנָא!"

מָרַת וֵוייס הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, מַסֶכֶת תַּעֲנִית:

אִין דִי קְלֵיין שְׁטֶעטְל דְרוֹקֶרֶת, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב הוּנָא הָאט גֶעוואוֹינְט, הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ פְרוֹי, וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מִינְקָא. מִינְקָא אִיז גֶעוֶוען גֶעלוּנְגֶענֶע בֶּעקֶערְקֶע, זִי פְלֶעגְט בַּאקְן חַלוֹת, בְּרוֹיט, אוּן קִיכְלֶעךְ אִין אִיר גְרוֹיסֶע אוֹיוְון, אוּן עֶס פַארְקוֹיפְן.

אֵיין טָאג הָאט אִיר חַבֶרְ'טֶע זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אִיר "אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מֶעל פַאר מַיינֶע חַלוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ קוֹיפְן הָאלְץ צוּ קֶענֶען אָנְצִינְדְן מַיין אוֹיוְון עֶס צוּ קֶענֶען בַּאקְן".



בילדער ח. שטיינבערג



מִינְקָא הָאט גֶעהַאט אַ הַארְץ פוּן גָאלְד, זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וְויאַזוֹי אִיר חַבֶרְ'טֶע לַיידְט - "אִיךְ לֶעשׁ יֶעצְט אוֹיס מַיין גְרוֹיסֶע אוֹיוְון נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעט, אוּן עֶס בְּלַייבְּט הֵייס פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אֶפְשָׁר ווילְסְט בַּאקְן דַיינֶע חַלוֹת בַּיי מִיר?" אִיר חַבֶרְ'טֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן גֶעלָאפְן בְּרֶענְגֶען אִירֶע חַלוֹת. צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיסְגֶעפוּנֶען אוּן מִינְקָא הָאט גֶערְן יֶעדְן גֶעלָאזְט נִיצְן אִיר אוֹיוְון. עֶנְדֶע טָאג פְלֶעגְט זִי אוֹיסְלֶעשְׁן דִי גְרוֹיסֶע אוֹיוְון, פַארְמַאכְן דִי בֶּעקֶערַיי אוּן עֶפֶענֶען אִיר צְוֵוייטֶע גֶעשֶׁעפְט - טוּן חֶסֶד מִיט אִידְן.

עֶס פְלֶעגְן שְׁטְרָאמֶען אָרִימֶע פְרוֹיעֶן מִיט זֵייעֶר בִּיסְל טֵייג, צוּ מִינְקָא'ס גֶעשֶׁעפְט. מִינְקָא הָאט זֵיי אַלֶעמֶען בַּאגְרִיסְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן זֵיי גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן אַזוֹי גוּט. "דִי אוֹיוְון אִיז סֵייוְוי הֵייס... נוּץ עֶס גֶערְן... קוּם נָאכְאַמָאל..." פְלֶעגְט זִי זָאגְן.

***

עֶס בְּרֶענְט!!! עֶס בְּרֶענְט!!! בְּרֶענְג וַואסֶער! דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט פוּן דְרוֹקֶערְת הָאבְּן שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּ פַארְלֶעשְׁן דִי הֶעלִישֶׁע פְלַאמֶען, כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, חוּץ דִי גֶעגְנְט וואוּ רַב הוּנָא הָאט גֶעוואוֹינְט, "דָאס מוּז זַיין אִין זְכוּת פוּן רַב הוּנָא" הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט.

יֶענֶע נַאכְט הָאט מֶען זֵיי גֶעוִויזְן פוּן הִימְל אִין חָלוֹם אַז דִי נֵס אִיז גֶעשֶׁען אִין זְכוּת פוּן מִינְקָא - דִי פָּשׁוּטְ'עֶ פְרוֹי וֶועלְכֶע בָּארְגְט אִיר אוֹיוְון!

"מֵיידְלֶעךְ" - הָאט מָרַת וַוייס עֶרְקְלֶערְט - "רַב הוּנָא אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אַז דָאס וָואלְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע נֵס פַאר אַזַא צַדִיק וִוי אִים. אָבֶער וֶוען מִיר הֶערְן אַז דִי נֵס אִיז גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, טְרַאכְטְן מִיר וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אוֹיף אַזַא הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה וִוי רַב הוּנָא. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט - וְויאַזוֹי אַ גַאנְצֶע גֶעגְנְט וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פֵייעֶר, אִין זְכוּת פוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעטוּן חֶסֶד מִיט אִיר גַאנְצֶע הַארְץ".

"אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער נָאכְמַאכְן - הָאט מָרַת וַוייס אוֹיסְגֶעפִירְט - וֶוער קֶען טְרַאכְטְן פוּן אַ חֶסֶד וָואס זִי קֶען טוּן?"

צִירִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיר הַאנְט "אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן מַיין בֶּעט פַאר אַ גַאסְט!"

"אִיךְ הֶעלְף מַיין בַּאבֶּע אַיינְקוֹיפְן!" הָאט חַנִי גֶעזָאגְט..

"אִיךְ הֶעלְף מַיין מַאמֶע זֵייעֶר אַסַאךְ!" הָאט מַלְכִּי צוּגֶעגֶעבְּן.

פֶּערִי הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיר הַאנְט, כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען לִיבִּי. אָבֶער דִי מַעֲשֶׂה הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן חִיזוּק אַז זִי טוּט רִיכְטִיג. אוּן זִי הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט נָאךְ וֶועגְן וְויאַזוֹי זִי קֶען אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן זִיךְ צוּ מַאכְן בֶּעסֶער פַאר יֶענֶעם.



# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

צירִי דֶערְצֵיילְט:

וֶוער וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט?! אִיךְ זִיץ שׁוֹין אוֹיפְן פְלִיגֶער, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַזֶעלְכֶע אָנְגֶעפִילְטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טֶעג, הַלְוַואי אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן נָאךְ אַפָּאר טֶעג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

עֶס אִיז 1:30 בַּיינַאכְט, אִין פְלִיגֶער אִיז טוּנְקְל, יֶעדֶער אִיז אַייְנְגֶעזוּנְקֶען אִין זֵייעֶרֶע חֲלוֹמוֹת, אוּן מִיר הֵייבְּט אָן אַרִיבֶּערְפְלִיעֶן אִין מֹחַ בְּלִידֶער פוּן דִי פַארְלָאפֶענֶע טֶעג, וִוי אִין אַ פִילְם.

דִי אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג בַּיים לַאנְדֶען, דִי פֵייעֶרְס, דִי לֶעבֶּעדִיגֶע טֶענְץ, דִי שִׂמְחָה, נָתִי׳ס אָפְּשֶׁערְן, דִי תְּפִילוֹת אִין מַעֲרָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דִי רִיזִיגֶע גֶעצֶעלְטְן אוּן הוֹיכֶע פַּארֶענְטְשֶׁעס, דִי בָּאמְבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, דִי אִינְגְלֶעךְ אוֹיף דִי אַקְסְלֶען פוּן דִי טַאטֶע׳ס, שַׁבָּת אִין מִירוֹן, דִי הַארְצִיגֶע תְּפִילוֹת בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִיקִים אִין מִירוֹן, צְפַת, טְבֶרְיָה. אַלֶעס מִישְׁט זִיךְ צַאם אִין אֵיין מִישְׁמַאשׁ פוּן זִכְרוֹנוֹת...

אֵיין עֶפִּיזָאד שְׁוִוימְט מִיר אַרוֹיף אִין זִכָּרוֹן מִיט דִי פוּלְסְטֶע שְׁטַארְקֵייט:

אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיבְן אוֹיפְן בַּארְג מִיט מַאמִי אוּן הֶענְדִי, אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִים.

"מֶען גֵייט יֶעצְט אָנְפַאנְגֶען אָפְּצוּשֶׁערְן פַאר נָתִי!" - הֶער אִיךְ פְּלוּצְלוּנְג מַיין מַאמֶע זָאגְן - "טַאטִי הָאט גֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען אוּנְטְן, ווִילְן מִיר קֶענֶען זֶען וִוי מֶען מַאכְט אִים פֵּיאוֹת!"

מִיר הָאבְּן צוּגֶעיָאגְט אוּנְזֶערֶע פִּיס, דוּרְכְשְׁטוּפְּנְדִיג זִיךְ אִין דֶעם גֶעדְרֶענְג צְוִוישְׁן מַאמֶע׳ס, מֵיידְלֶעךְ, אוּן קְלֵיינֶע דְרֵיי יֶערִיגֶע אִינְגֶעלֶעךְ, טֵייל שׁוֹין מִיט פֵּיאוֹת אוּן אַ טֵייל נָאךְ מִיט דִי לָאקְעלֶעךְ. עֶלְטֶערֶע פְרוֹיעֶן, וֶועגֶעלֶעךְ פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן. אַלֶע קוּמֶען זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

עֶנְדֶע זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְטְן, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ אוֹהֶל - גֶעצֶעלְט, צוּגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן וָואס מֶען דַארְף פַאר דִי זִיסֶע חַתַנִים׳לֶעךְ, זֵיי צוּ בַּאצִירְן מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע סִימָנִים, דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת: הוֹיכֶע בֶּענְקְלֶעךְ, שֶׁער מַאשִׁינֶען, שִׁירְצְלֶעךְ אוּן שֶׁערְלֶעךְ.

נָתִי אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף אַ הוֹיכְן בֶּענְקְל מִיט אַ רִיזִיגֶע שְׁמֵייכְל אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף זַיין פָּנִים, אוּן דִי שֶׁער מַאשִׁין הָאט זִיךְ אָנְגֶעצוּנְדְן דְזְזְזְשְׁשְׁשְׁשְׁשְׁשְׁשׁ... דְזְזְזְשְׁשְׁשְׁשְׁשְׁשְׁשְׁשׁ...

אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי קַאמֶערֶע, אַזַא זִיסֶע רִירְנְדֶע סְצֶענֶע מוּז אִיךְ פַארְאֵייבִּיגְן! אָבֶּער... אָפְּס... אֵיינֶע פַארְשְׁטֶעלְט מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעשְׁטוּפְּט אוּן גֶעוָואלְט צוּקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ קֶענֶען כַאפְּן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער.

פְּלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְק אִיךְ אַז אִיךְ בִּין כִּמְעַט צְוִוישְׁן דִי מֶענֶער, אוֹי וֵויי! אִיךְ בִּין שְׁנֶעל צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע טְרִיט.

אָבֶּער אִיךְ וִויל הָאבְּן בִּילְדֶער! אִיךְ וִויל קֶענֶען וַוייזְן פַאר מַיינֶע קָאזִינְ׳ס אוּן חַבֶרְ׳טֶעס וִוי אִיבֶּערְרַאשְׁנְד אוּן הַארְצִיג עֶס אִיז גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַזַא מַעֲמָד!

אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין מֶער אִין זַייט, עֶס אִיז אָקֶעי! הָאט מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע כִּמְעַט אִיבֶּערְצֵייגְט.

נֵיין! הָאבּ אִיךְ פֶעסְט בַּאשְׁלָאסְן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַארְפַאטְשְׁקֶען דִי הֵיילִיגֶע טָאג לַ״ג בָּעֹמֶר צוּ כַאפְּן בִּילְדֶער אוֹיף נִישְׁט אַזַא אֵיידֶעלֶע וֶועג, אִיךְ וֶועל בֶּעסֶער אַרַיינְכַאפְּן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין!

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי קַאמֶערֶע אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁעפְּשֶׁען מִיט דִי לִיפְּן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דִי צַייט פְלִיט, וֶוען פְּלוּצְלוּנְג לוֹפְט נָתִי צוּ צוּ מִיר מִיט זַיינֶע זִיסֶע בַּא׳חֵנְ׳טֶע פֵּיאָה׳לֶעךְ: "צִירִי, זֶעסְט? מֶען הָאט מִיר אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי גַאנְצֶע הָארֶעלֶעךְ! מֶען הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאר דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת!" עֶר הָאט גֶעקוּשְׁט זַיינֶע פֵּיאוֹת.

"בִּיסְט אַזוֹי זִיס!" הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט גְלֶעטְנְדִיג זַיין קַאפְּל "אַ הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁער אִינְגֶעלֶע!"

"אִיךְ בִּין אַ חָתָן! - הָאט עֶר שְׁנֶעל פַארְרָאכְטְן - אֲפִילוּ עֶפֶּעס אַ זֵיידִי וָואס טֵיילְט קֶענְדִי׳ס הָאט מִיר גֶעזִינְגֶען: נָתָן אִיז אַ חָתָן, נָתָן אִיז אַ חָתָן!"

מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּרִיק אַרוֹיפְצוּקְלֶעטֶערְן דִי הוֹיכֶע בַּארְג וֶוען פְּלוּצְלוּנְג זֶע אִיךְ... דִי כַּלָה! פֶּעטֶער

## ל. סאקס

בָּרוּךְ׳ס כַּלָה! מִיט אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס! מִיר הָאבְּן זֵיי בַּאגְרִיסְט אוּן אַרַיין אִין אַ גֶעשְׁמַאקֶע שְׁמוּעֶס.

דִי כַּלָה׳ס שְׁוֶועסְטֶער הָאט גֶעזֶען וִוי אִיךְ הַאלְט אִין מַיין הַאנְט אַ קַאמֶערֶע, פְּרֶעגְט זִי מִיר: "הָאסְט גֶעהַאקְט בִּילְדֶער?"

"גֶעהַאקְט וָואס?"

"אָהּ, אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן אַז דוּ בִּיסְט אַן 'אַמֶערִיקַאנֶערְקֶע' בַּיי עֶנְק זָאגְט מֶען... אָהְמְ... נוּ... אָהּ! כַּאפְּן פִּיקְטְשֶׁערְס, אֶמֶת?"

"אָהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דַיין שְׁאֵלָה, אָהְמְ... - פוּן דִי אָפְּשֶׁערְן - אָדֶער 'חַאלַאקֶע' וִוי עֶנְק רוּפְן עֶס - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט קַיין פִּיקְטְשֶׁערְס, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, נָאר אוֹיבּ מֶען גֵייט נָאנְט צוּ דִי מֶענֶער, הָאבּ אִיךְ עֶס אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מַיין מֹחַ אוּן אַזוֹי גֶעדֶענְק אִיךְ עֶס!"

"וַואוּא, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז מַיין שְׁוֶועסְטֶער גֵייט וֶוערְן אַ מוּמֶע פוּן אַזֶעלְכֶע עֶרְלִיכֶע פְלוּמֶענִיצְקֶע׳ס, וָואס וֵייסְן וָואס אִיז וִויכְטִיגֶער - שֵׁיינֶע בִּילְדֶער אָדֶער עֶרְלִיכְקֵייט אוּן אֵיידְלְקֵייט!"

אַ שְׁמֵייכְל הָאט זִיךְ בַּאנֵייט אוֹיף מַיין פָּנִים, יֶעצְט זִיצְנְדִיג אוֹיפְן פְלִיגֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, עֶס אִיז אַזַא זִיסֶע גֶעפִיל!



שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



יחיאל טירנויער קרית יואל
תלמוד תורה באס



נחמן נתן לעזער



שמואל בירנבוים - מערת ר' שמעון



שלום פארקאש



נחמן נתן לעזער



שמואלי בירנבוים



שלמה בוים



משפחת שטראססער



ערשטע קלאס
בית פיגא שטעטל

# געשעעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מיט אדמו"ר מספינקא שליט"א אין לופטפעלד
אויפן וועג קיין ארץ ישראל

קרעדיט: נסיעה טרעוול



מיטן גבאי מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו און
מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אין לוד לופטפעלד





ביים ציון פון הייליגן חיד"א זי"ע און פונעם זיידן הרב יצחק דוד פריעדמאן ז"ל אין הר המנוחות





















**גרויסארטיגע מסיבת מיין לעבן - פסח שני תשפ"ה אין ירושלים עיר הקודש**

קרעדיט: יוסי פרערויא, שמעון עוזר פערל, שמוליק בלעדי







א פארברענג מיט די בחורים פון ישיבה היכל הקודש ירושלים



א דף גמרא אין מירון



מען גרייט צו פיינע עסן פאר די געסט




**ביים ציון פון הילגן חזון איש זי"ע און רבי חיים קנייבסקי זי"ע אין בני ברק**




**אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק**










**סיומים דורך אנשי שלומינו נאך שחרית אין בני ברק**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל, שמוליק בלעדי




אן אפשערן און א מעריב אין מירון







ל"ג בעומר ביינאכט אין מירון








ל״ג בעומר ביינאכט אין שטעטל



ל״ג בעומר אין לינדען



ל״ג בעומר אין תלמוד תורה בני ברק










שבע ברכות מוצ"ש אין יבנאל ביי אייניקל פון הרב רבי יצחק שליט"א בן הרה"ג ר' אליעזר איידעלשטיין שליט"א





בייס ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריי - זונטאג בה"ב





פרישטאג ביי רבי מאיר בעל הנס





ביים שיעור אין היכל הקודש ירושלים - זונטאג בה"ב









א טייל סיומים פון די השובע קינדער אין ירושלים














**שחרית, דף גמרא שיעור אין היכל הקודש ירושלים - מאנטאג בה"ב**

לעידיס אקזילערי

היכל הקודש ברסלב

מיט גרויס פרייד
טוען מיר מעלדן
אז היי יאר וועלן
מיר אי"ה פארקויפן

# בלומען לכבוד שבועות



**פרייטאג און זונטאג ערב שבועות:**
**בית המדרש האשקי - בית המדרש ירושלים**

אלע הכנסות גייען פאר מוסדות היכל הקודש ברסלב.

געברענגט צו אייך דורך: לעידיס אקזילערי

dominogrp.com